STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01429

DER LETSTER MENSH

I. L. Goldstein

Permanent preservation of this book was made possible
by Marvin Sloves
in honor of
Tom Margittai

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער לעצטער מענש.

אַ חָלוֹם פוּן אַמָרָה שְׁחוֹרָה׳דיגעו מענשעו.

י. ל. גאלדשטיין.

פערלאג: א. גיטלין ווארשא נאלעווקי איוואנאוו באזאר № 1

פרייז 40 קאפ

דרוק ש. בעלכאטאווסקי פיעטרקיב.

ДЕРЪ ЛЕЦТЕРЪ МЕНШЪ

Тип. Ш. Белхатовскаго, Петроковъ

דרייַ און צוואַנציג יאָהר איז מאָריץ כסף הכל אַלט געווען; נאָר קוקענדיג אויף איהם, האָט מען געקענט מיינען אַז דאָס איז עפּיס אַ אַלט פערשימעלט נפש, אויף וועלכענ'ס שטערען די עלטער האָט איהרע קנייטשען געלעגט און די יאָהרען האָבען פאַר אַ סקעלעט איהם געמאַכט.

אַ קליינע נידריגע און דאַרע בריאה איז דאָס געווען, שוואַרץ ווי אַ נעגער, אַ קרענקליכעס געזיכט, מיט געדיכטע שוואַרצע האָר ביז אין די אויגען בעוואַקסען; און די אויגען זענען שוואַרץ ווי קוילען געווען, זיי האָבען געקוקט מיט אַ טיעפען דורכדרינגענדען רחמנות־בליק, אַזוי אַז ווען מען האָט זיך אַנידער געשטעלט אַריין קוקען אין אָט די אויגען, איז אַ קאַלטער אונערקלערליכער שוידער אַ דורך געלאָפען, און עס האָט זיך געוואָלט אַריין קריכען איהם אין די נשמה טיעף טיעף ביז די ענדע, דאָרטען אַרום פּלינדערען אַרום זוכען דאָס פערוועהטיגטע אָרט, און דאָרטען אויף די וואונדען פּלאַסטערען לעגען, און בוים עהל גיעסען, און גלאַטיג און שעהן מאַכען דאָרטען — דאָרטען ווי די יסורים זענען אַזוי גרויס געווען. און עס האָט זיך געוואָלט מיט איינמאָל אַרויס רייסען דאָס שרעקליכע וואָס האָט אַזוי מאָרנע פון זיינע אויגען אַרויס געקוקט, און אַ קליינעס לייכטעס געלעכטערעל האָט זיך וועניגסטענס געוואָלט זעהן אין דעם מענשען.

עס האָט זיך אין זיין געזיכט פרעהליכקייט געוואָלט זעהן, מונטערקייט, נאָר דאָס האָט כיין ביי איהם קיינמאָל נישט געזעהן, זיין פּנים האָט שטענדיג אויסגעזעהן פערזאָרגט און גלייכגילטיג, און זיינע אויגען האָבען שטענדיג מיטלייַדענד און קאַלטבלוטיג געקוקט.

זאָנדערבאַר איז זיין פיהרונג געווען: ערגיץ נישט וויַיט אינטערען שטאָדט, אויף אַ גרויסען לעהרען פּלאַץ איז זיין הויז געשטאַנען אַ פערצוימטעס מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן, דורך וועלכען מען האָט

אפילו אַרײַן קוקען נישט געקענט. דאָרטען האָט ער געװאָהנט, און פֿון דאָרטען איז ער קײנמאָל נישט אַרױס געקומען, סײַדען מאַנכעס מאָל דורך די אונטער טיהר װעלכע פֿיהרט צו די לאָנקע פֿלעגט ער אַרױס געהן, אַביסעל אַרום שפּאַצירען אַהין און צוריק אויף די לאָנקע, און דורך די זעלבע טיהר צוריק געהן אין שטוב אַרײַן.

צו קײנעם איז ער נישט געגאַנגען, מיט קײנעם זיך נישט צו זאַמען געקומען נאָר פֿערברענגט זײַן גאַנצעס יונגעס לעבען אײנזאַם, אָבגעריסען, אָבגעזונדערט און אויס געשלאָסען פֿון אַלע. דערפֿאַר איז צו איהם אויך קײנער נישט געגאַנגען, אַלע האָבען איהם פֿאַר אַ פֿערביסענעם גיפֿטיגען מענשען־פֿײַנד בעטראַכט, ער האָט עס געװאוסט, און זיך דערין נישט געקימערט. װאָס אַרט עס מיך — פֿלעגט ער זאָגען — אַלם װאָס מען בעטראַכט מיך, צו פֿאַר אַ מענשען־פֿײַנד, אָדער פֿאַר אַ משוגע׳נעם, איך האָב זיך פֿערגעניגען פֿון מײַן אײנזאַמקײט, פֿון מײַן עלענד, און אַלײן — נאָר אַלײן װיל איך בלײַבען פֿערשלאָסען אונטער די קאַלטע טיהר, אָט אַזױ זיצען און בעטראַכטען יעדע מחשבה, יעדעס נאַרישע רעיון׳־דעל; נאָר זיצען און חלום׳ן, און פֿאַנטאַזירען.

װען אַ פֿרעמדער זאָל זעהן די אָב געלאָזענע בריאה, מאַכט ער גאַנץ בעשטימט געזאָגט אַז דאָס איז אײנער פֿון די מאָדערנסטע פּעסעמיסטען װעלכע פֿעראַכטען דאָס לעבען מיט די מענשען און אַלעס מחמת זײ האָבען קײן ברױט, אָדער עס פֿעהלט זײ עפּיס אַנדערש; דאָס נאַכלעסיגקײט װאָס האָט זיך בײַ איהם געזעהן, די שטענדיג צושױבערטע האָר, די געװעהנליכע קלײדונג דער מרה שחורה׳דיגער קוק, און דאָס קרענקליכע אויס זעהן, דאָס אַלעס האָט געקענט בעװײַזען אַז אַזױ איז עס. דער װאָס האָט איהם אָבער נעהנטער געקענט האָט געװאוסט אַז מיט די בריאה איז עס אַנדערש, גאַנץ אַנדערש.

מאָריץ איז געװען אַ זוהן פֿון אַ רײַכען גוט בעזיצער װעלכער האָט זײַן אײנציגען זוהן אין לוקסוס און רײַכטהום געצױגען. שטודירט האָט ער אין שװײץ, און חאָטש ער האָט דעם אוניװערזיטעט שױן

לאנג געהאט גיענדיגט איז ער אין שווייץ נאך אלץ געווען, מחמת ער איז דארט געווען זעהר צו געוואהנט, און מחמת ער האט זיין שטיף־מוטער ליידען נישט געקענט. מיט'ן פאטער האט ער זיך גאנץ אפט געזעהן, דאס האט איהם אויך אב געהאלטען פון א היים פאהרען און ער האט זיך דארט געלעבט גאנץ איינזאם און רוהיג, נאר פלוצלונג האט ער ערהאלטען א טעלעגראמע ער זאל ווי אמשנעלסטען אהיים קומען. און חאטש אין דער טעלעגראמע איז קיין זאך נישט געווען אן געוויזען, האט ער דאך פערשטאנען אז עפיס אונהיימליכעס, עפיס טרויעריגעס האט פאסירט.

ווען ער איז אהיים געקומען האט ער זיין פאטער געטראפען ליגען אויפ'ן שטערבע בעט, ווי ער האט איהם פערלאזט א האלבען מיליאן רובל מזומנים, און ווייטער געהערט אלעס צו די שטיף־מוטער.

מאריץ איז בכלל געווען א גלייכגילטיגער צו אלעם. ווען מען האט איהם מיט זעקס חדשים צוריק א בשורה אן געזאגט אז ער האט געווינען אויף די לאטעריי דרייסיג טויזענד רובל האט ער זיך דערמיט גאנץ ווייניג געפרעהט, ער האט ארויס גענומען א ציגאר זיך פערויכערט איינע, דעם מבשר די צווייטע, און זיך צוריק געזעצט צום טיש לעזען, צו זאגענדיג דעם מבשר אז ווען ער וועט דאס געלד ערהאלטען וועט ער אין איהם אויך געדענקען. און יעצט ווען ער האט ערזעהן זיין פאטער וועלכען ער האט אזוי ליעב געהאט, ליגען כמעט טויט, איז ער אויך נישט שטארק איבערראשט געווארען.

אכט טאג נאך זיין פאטערס טויט איז ער ארייַן געפאהרען אין די שטאדט וועלכע איז געלעגען דריי מייל ווייט פון פאטערס ווילע ער האט זיך דארט א הויז געקויפט פאר צוויי הונדערט טויזענד רובל, און זיין הויז האט ער זיך געמויערט א וויארסט ווייט אונטער די שטאדט נישט זעהר א גרויסעס.

צוויי שפיעל פייגעל, א גרויסער הונד מיט שווארצע לאנגע האר, דאס זענען זיינע קאמעראדען געווען, ווייטער איז ער פון אלע אב געזונדערט געווען. אויסער איין מעדיל פון א יאהר צוואנציג, דארא האט זי געהייסען, אויך א נידריגע פערזאן, און

אויך באַלד אַזוי שוואַרץ ווי ער, נאָר זעהר אַ סימפּאַטישע, האָט געפֿלעגט יעדען טאָג צו איהם אַהין קומען, פֿערברענגט דאָרט אַ שטונדע, צוויי, און צוריק אַוועק. איהר, אָט די מעדיל האָט ער אַלעם ערצעהלט: ווי זיין שטודיום האָט אויס געזעהן, ווי די פֿייגעל שפּיעלען, און אפילו זיינע ווילדע חלומות וואָס פֿלעגען זיך איהם אָפֿט חלומ'ן האָט ער איהר אויך ערצעהלט איינמאָל האָט איהם געחלומ'ט אַז אין אַ גאַנץ פינסטערע נאַכט, ווען אַלעם איז שטיל און רוהיג געשלאָפֿען, איז ער אין אַ וואַלד אויף די שפּיצען בוימער געקראָכען פֿון איין בוים אויפ'ן צווייטען, פֿון צוויי־טען אויפ'ן דריטען, איז ער געגאַנגען וואָס אַ מאָהל שנעלער, וואָס אַ מאָהל שנעלער זוכענדיג די אונענדליכקייט. די בוימער האָבען טרויעריג גערוישט, די צווייגען האָבען זיך געבויגען און געוואָרפֿען, נאָר ער איז ווי אַ גאָט אויף די שפּיצען בוימער געגאַנגען און שטענ־דיג אויף איין בוים געשטאַנען, ער האָט געפֿיהלט אַז ער גערט שנעל פֿון איין בוים אויפ'ן צווייטען, ער שפּרייזט געשווינד ער יאָגט זיך נאָך די אונענדליכקייט, און ווען ער האָט זיך אום געקוקט האָט ער געזעהן אַז ער שטעהט אויף איין בוים. ווי שרעקליך איהם איז דאַמאָלס געווען.

דאַן — אין אַ הייסען זומער־טאָג ווען די זון האָט פּרעכטיג גע־שיינט, און אַלעם אויף די ערד איז מיט גאָלדענע זונען־שטראַהלען בעגאָסען געווען, האָט ער זיך געהויבען הויך הויך צו די זון, מיט זיינע צושפּרייטע הענד האָט ער געקלאַפּט אַז די לופֿט האָט געציטערט פֿיהלענדיג זיך גרויס און מעכטיג; און ווען ער האָט זיך מיט זיינע הענד אין די זון אָן געחאַפּט, איז זי פֿערלאָשען געוואָרען, און ער איז אַראָב געפֿאַלען.

און אַמאָל אַז ער דרעהט זיך אַרום אַ בלאָנזענדער אַ עלענדער אין אַ פֿינסטערע מדבר נישט וויסענדיג קיין אויסוועג, און אַרום איהם שטעהן ווילדע טהיערע מיט ווילדע שלאַנגען, וועלכע געהן זיך אויף איהם אָט אָט אַ וואָרף טהון.

די אַלע חלומות האָט ער דאַ'ן ערצעהלט; און ווען ער

פלעגט נאך אזא חלום אויף קומען, פלעגט זיין געזיכט זיין פערקרימט און העסליך. נאר אזוי העסליך ווי ער האט אוים געזעהן, דאגעגען אזוי שעהן און ריין איז אין זיינע שטובען געוועזען, צוואר דאראס ארבייט. אלע וועגד מיט די מאדערנסטע טאפעטען אוים געטאפעטעציערט, פערשידענע קונסט בילדער, פערשידענע מארמארנע סטאטועז, גרויסע מאדערנע שענק פיל מיט ביכער געפאקט, א גרויסער טיש אוים רויט האלץ אין מיטען שטוב, און ארום מיט ציידגעדעקטע שטיהלען, דאם אלעם איז דאראס ארבייט געוועזען און ער האט עס פאר נאריש בעטראכט. און אט די דארא איז זיין איינציגע פריינדין געוועזען, מיט איהר פלעגט ער טייל מאל געהן אין גארטען שפאצירען און אפילו זיין הונד דזיעק האט זיך פאר דאראן געביקט און גע־ווארפען ווי פאר מאריצן.

גאנצע זיבען יאהר האט מאריץ אב געלעבט אזוי איינזאם און עלענד; נישט געקומען אין בעריהרונג מיט מענשען, נישט געזעהן זיך מיט קיינעם, נאר אליין זיינע יאהרען פערבראכט. אבער, צו דאם איז געוועזען מחמת האס צו די מענשען, אדער מחמת ליעבע, האט ער אליין אויך נישט געוואוסט. דער טהאט וואס ער איז זיך מיט קיינעם נישט צו זאמען געקומען האט דייטליך געזאגט אז ער האסט זיי, עס איז אבער דא א אנדערער פאקט וועלכער וויזט פונקט דעם היפוך: די גאנצע איינקונפט וואס מאריץ האט געהאט, האט ער צווישען ארימע מענשען צו טיילט, פאר זיך האט ער נאר איבערגע־לאזט אויף דאם נעטיגסטע. און עס האט שוין פיעל מאל געטראפען, אז ווען יעמאנד איז צו איהם אריין געקומען הילפע בעטען, האט ער אראב גענומען די רינג פון זיין האנד און אוועק געגעבען צום פערקויפען.

אויב מאריץ האט יא געהאסט, האט ער נאר געהאסט דעם כלל מענשען, דעם גאנצען מין האנושי — דעם פרט אבער, דעם יחיד האט ער זעהר ליעב געהאט. דער קלענסטער פערצווייפעלטער בליק פון א מענשען האט איהם צוברא־כען, און ער איז אומשטאנד געווען זיך צו אפפערען דארויף. ווען יעמאנד איז צו איהם אריין געקומען

מיט אַ רחמנות פּנים, האָט ער געקריצט מיט די ציין צום צוברעכען ווערען, און דעם זעלבען האָט ער געגעבען וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט נישט אַרוים געוויזען קיין מיטגעפיהל צו אַ ליי־דענדען, ער האָט עס נישט געקענט. פערקעהרט ער איז געשטאַנען האַרט, און גלייכגילטיג צו געקוקט, נאָר אינוועניג אין זיין האַרץ האָט עס חורבות אָן געמאַכט, און טייל מאָל ווען יעמאַנד איז צו איהם אַריין געפאַלען און וויינענדיג אָן געהויבען זיינע שמערצען ערצעהלען האָט דער מוטלויידם געפיהל איהם אַזוי אָן געגריפען אַז ער האָט פון זעלבסט מאָרד געטראַכט. מיט יאָהרען צוריק ווען מאָריץ האָט עפּיס איין מאָל געלעזען שריפטען פון אַזעלבסט מערדער ווי יענער שווערט אַז נאָר צו ליעב מענשען־ליעבע בעגעהט ער זעלבסט־מאָרד. האָט ער עס נישט נעגלויבט, ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ בעריהמערשע פראַזע פון דעם זעלבסט מערדער. שפעטער אָבער האָט ער עס בעגריפען; ער אַליין האָט געפיהלט אַ בעגעהר צו בעגעהן זעלבסט מאָרד ביים ערזעהן אַ ליידענדען מענשען. און דאָס איז אפשר געווען די סבה פון זיין עלענד, פון זיין איינזאַמקייט.

גאַנצע זיעבען יאָהר האָט מאָריץ אַזוי געלעבט; גאַנצע זיעבען יאָהר. דאָראַ האָט אונטער די צייט חתונה געהאַט, און זי האָט צו איהם אַזוי אָפט קומען נישט געקענט. דאַמאָלס ווען זי איז יאָ געקומען איז עס געווען אַלס טיעפען רחמנות צו איהם. און ער האָט, דאָס גאַנץ גוט געוואוסט. ער האָט עס געפיהלט און געזעהן אויף איהרען יעדען שריט, אַז נאָר מחמת רחמנות קומט זי צו איהם אָפּפערען אַ שעה צייט, און דערפאַר איז ער מעהר צו פרידען געווען ווען זי איז אבסאָלוט צו איהם נישט געקומען מיט איהרע קאַלטע וויזיטען. ער האָט זיין טרויעריגעס איינזאַמעס לעבען פאָרט געזעצט ווי פריהער, און געהאַט פערגעניגען פון יעדען אַוועק געהענדען טאָג...

נאָר איין טאָג אין מאָנאַט דעצעמבער, דעם האָט ער בעקיינעס פאַל נישט געקענט אַריבער טראָגען. דער טאָג איז אַ קאַלטער און זעהר אַ טריבער געווען; אַ שנעה מיט אַ רעגען צו זאַמען האָבען

אַ גאַנצען טאָג אָן אויף הער געקאַפּעט, און עס האָט אויס געזעהן ווי דער שטורם מאַכט געקומען נישט בלויס פון אויבען נאָר אויך פון אַלע זייטען. דער שטאַרקער בעזער ווינד האָט געשטורמט גערוישט און געפּיפּען אַזוי אַז די פענסטער פון הויז האָבען געציטערט. די נאַקעטע בוימער האָבען זיך געוואָרפען געשאָקעלט און געבראָכען אַהין און צוריק. דער גאַנצער הימעל איז מיט שוואַרצע פינסטערע פערשיעדען־געשטאַלטיגע כמאַרעס פערדעקט געווען, מורא'דיג זענען זיי ווי טייוולאָנים געפלויגען, און ווי מיט אַ ווילדען כעס געוואָלט מנצח זיין איינע די צווייטע, איינע שוואַרצער פון די צווייטע איינע פינסטערער פון די צווייטע, האָבען זיך פליהענדיג שנעל ווי אַ מלחמה געיאָגט... די וואָלקענס האָבען די גאַנצע זון פערדעקט, קיין איין שטראַהל פון איהר האָט מען נישט אַרוים געזעהן, אַלעס האָט געוויינט, אַלעס האָט געקאַפּעט געטריעפט און געחורבן'ט — דער הימעל, די בוימער, די גאַנצע נאַטור. און די ערד האָט דאָס געהאַט אַ פּנים! פערדעקט מיט הויכע הויפענס שנעה, גאַנצע בערגער, גרויסע וויכפעס, אין מיטען וועג אַ גרויסע טיעפע זינקענדע בלאָטע פון שנעה מיט זאַמד געמישט, שוואַרץ פערחושך'ט בעגאָסען פון האָגעל רעגען און שנעה. אַלעס דרויסען האָט אוים געזעהן ווי אָב געשטאָרבען, קיין איינציגעס לעבענדיגעס בעשעפעניש האָט מען נישט געזעהן. אויך זיינע פייגעל זענען אויף אַ אָרט ווי פערטראַכטע געזעסען ציפּענדיג זייערע פעדערליך. און דער הונד איז אין אַ ווינקעל געלעגען פרוביערענדיג שלאָפען. אַלעס אין שטוב האָט אויסגעזעהן מרה שחורה'דיג שטיל... עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס רוישען, דאָס אונהיימליכע פייפען פון ווינד...

און מאָריץ אַ פערצווייפעלטער און אַ ניעדערגעשלאָגענער, איז געזעסען אין אַ ווינקעל פון שטוב האַלב מעלאַנכאָליש קוקענדיג מיט ווילדען צאָרן. עס האָט איהם אינוועניג אין האַרץ עפּים געפעהלט, אַזוי ווי עס מאַכט דאָרט געוועזן אַ שטיק אָב געריסען...

ער האָט זיך געשראָקען, נישט וויסענדיג דערצו קיין שום אורזאַכע...

ער האט נאר געפיהלט א פאר-געפיהל אויף עפּיס אונאנגענעהמעס, אויף עפּיס שרעקליכעס. א פורכט געפיה, האט איהם געמאטערט און געפּייניגט... ער האט געפיהלט אז — נאך אין א שעה, און א טאג, נאך און איין טאג וועט מיט איהם עפּיס שרעקליכעס פּאסירען, פון וועלכען זיין גאנצער גוף וועט זיך ברעכען און קורטשען פאר וועהטאג... עפּיס אונבעגרייפליכעס וועט געשעהן... און ער האט פּרובירט זיך אליין צו ערקלערען אז די זאך איז נישט אזוי שרעקליך, ווי ס'שטעלט זיך איהם פאר, ער האט פּרובירט זיך אליין פאר צו שטעלען דאס ערגסטע וואס די פאנטאזיע קען זעהן: וואס האט ער אזוי פיעל צו שרעקען, דאס ערגסטע קען זיין, עס וועט יעמאנד אריין קומען מיט א רעוואלווער אין האנד און וועט איהם שיעסען. אבער מען וועט איהם אויף הענגען: עס וועט קומען א מענש אין שווארצען געהילט, וועט איהם ארויף ווארפען א זאק אויף'ן קאפּ ארום נעהמען א דיקען שטריק, און ארום בינדען זיין האלז, פעסט צו ציהען, און איהם אויף הענגען אויף א בוים. אדער עס וועט גאר איינער קומען, איהם בינדען זיינע הענד און פיס און איהם אריין ווארפען און א רוישענד קאלטעס וואסער, ער וועט צאפּלען, וועלען אריין ציהען (?) וופּט אין זיינע לינגען, און זיי וועלען מיט וואסער ווערען אן געפיהלט, ער וועט פערליערען זיין פערשטאנד, און וועט טויט זיין... נו וואס וועט זיין? וועט דויערען פינף מינוט, צעהן מינוט, א פיערטעל שעה! און אויס, אלעס אויס, אלעס... איז עס דאך נאך נישט אזוי פיעל שרעקליך ווי פיעל עס מאהלט איהם זיין צעררייסענע פאנטאזיע, ווי פיעל עס שרעקען איהם זיינע פאר געפיהלען... אה ניין: די בלאטע „ביים" וואסער איז שטענדיג טיעפער ווי „אין" וואסער. און דאך — דאך האט איהם זיין הארץ אזוי געפרעסט, אזוי געשראקען... נאך קיינמאל האט זיך איהם אזוי שרעקליך אינסטינקטיוו נישט געשראקען. און ער האט זיך זיין קאפּ געבראכען: וועלכע אורזאכע ברענגט איהם צו אזעלכע שרעקליכע געדאנקען? וועלכע פּרעס דריקט אזוי שרעקליך זיין הארץ? וועלכעס פייער בריהט עס מיט אזא קראפט? און וועלכעס

— וועלכעס מעסער שניידט איהם אזוי אכזריות'דיג? אפשר האט ער געדאַרפט הייראטען, אזוי ווי דאַרא האט איהם געראטהען. אוי האט זי איהם געבעטען: מאריץ האב חתונה, וועסט האבען א פרוי מיט קינדערליך, זיי וועלען זיך שפיעלען, זיי וועלען ארום לאכען, ארום שטופען, און דו וועסט זיי ליעב האבען, וועסט זיך פרעהען אויף זייערע שפיעלערייען, וועסט פערברענגען מיט זיי, און דו וועסט גליקליך זיין. דיין לעבען וועט זיין מיט עפּיס פערנומען און דו וועסט האבען א ציעל, צו ערציהען דיינע קינדער, זיי לאזען בילדען, זיי גליקליך צו מאכען, נישט אזוי פוסט אזוי צוועקלאז אב ברענגען דיינע יאהרען. גאנץ שעהן! אבער, אדרבה זאגט מיר, מיט וואס פאר א רעכט קען איך איינזאמער מרה שחורה'דיגער צובראכענער נפש געהן הייראטען א פרוי? אונגליקליך וועט זי דאך זיין. אונגליקליך... וועט זי דען פיהלען דאס וואס איך? קען זי דען פיהלען דאס וואס איך? און מיט וואס פאר א רעכט קען איך דען ברענגען קינדער אויף די וועלט? זיי וועלען דאך מיך פרעגען, וואס דאס לעבען פערמאגט, צו וועלכען צוועק איך האב זיי בעשאפען. זיי וועלען דאך אויך ארום געהן ווי שאטענס אזוי ווי איך, זיי וועלען אויך ארום וואנדערען, ארום בלאנזיען, צווישען שטעכענדיגע דערנער, אויף שפּיציגע הויכע בערג, און טיעפע זומפּיגע טהאלען. זיי וועלען אויך ארום געהן איינזאמע, עלענדע, און זוכען... זוכען... זוכען... און — ווען זיי וועלען גאר נישט געפינען, ווען זיי וועלען אונטער זיך דעם זעלביגען שווארצען אבגרונד אזוי ווי איך ערזעהן, ווען א דריקענדע קאלטע פראסט וועט אן הויבען קיהלען זייערע פערוועהטאגטע הערצער, און זיי וועלען נישט געפינען ווי זיך אן צו ווארמען, ווי לויזער צו מאכען די דריקענדע פרעס... וועלען זיי קומען צו מיר מיט אראב געלאזענע שעמעוודיגע אויגען, און וועלען מיך פרעגען: טאַ—טע—וואס האסטו געטהון? ווארום האסטו אונז בעשאפען צו אזוי פיעל פיין, צו אזוי פיעל שמערצען?... נו, אדרבה, וואס וועל איך זיי ענטפערען? וואו וועל איך זיך אויסבעהאלטען פון זייערע שאלות? און וואוהין

וועל איך ענטלויפען פון מײַן פלאַגענדען געוויסען... וועל איך זײַ דען קענען ווײַזען האָטש איין ליכטיגען שטראַהל צווישען די אַלע קאַלטע פינסטערע טעג?... צו וועל איך מיט איין קראַנק האָטש קענען בעשײַנען זײַערע פערראומערטע, פערטריבטע לעבענס שטונדען? עה—איך וועל זיך שעמען פאַר זײַ, איך וועל וויסען אַז איך גאָר איך בין דער פעראורזאַכער צו זײַערע פלאַגענדע יסורים — — —

דזיעק... קום אַהער... האָט ער ציטערענדיג צו זײַן געטרײַען הונד געמורמעלט.

דזיעק איז צו געקומען, אָב געגענעצט זיך אויסציהענדיג דערבײַ די אונטערשטע און די פאָדערשטע פיס, נאָכהער האָט ער מיט זײַנע פאָדערשטע פיס אָן געהויבען גלעטען מאָריץ'ן. און מאָריץ מיט פערגלײַווערטע אויגען קוקענדיג צום סוף, האָט מיט זײַנע קלײנע הענד אויך דזיעק'ן זײַנע האָהר געגלעט.

דזיעק—האָט ער ווײַטער אונרוהיג צווישען די ציין געמורמעלט—דזיעק... לעג דאָ דײַן קאָפּ... דזיע... יע... עק...

דער הונד האָט זײַן קאָפּ אויף מאָריץ'ס שוים געלעגט, און מאָריץ'ן איז עפּעס גאָר אויפ'ס נײַ מאָדנע פינסטער אויף זײַן האַרץ געוואָרען. עס האָט זיך איהם פלוצלונג פערגלוסט ווײנען... ער האָט זיך געפיהלט אַזוי שוואַך, אַזוי שוואַך... און ער האָט זיך דאָס אַלעס בשום אופן נישט געקאָנט ערקלערען; וואָס איז דאָס מיט איהם און איינמאָל געוואָרען? וואָס איז איהם פלוצלונג אַזוי טרויעריג געוואָרען? צום לאַכען—פלוצלונג האָט זיך איהם פערגלוסט ווײנען... פלוצלונג ווײנען... און נאָך שווערער איז זײַן פערוואונדעט האַרץ געוואָרען, און נאָך שווערער זײַן נשמה... אַ בענגע האָט ער געפיהלט... אַ בענגע גאָר אַ נײַע, גאָר אַ פרישע... אַ בענגע צו די שפּעטערע יאָהרען... צו די גאָר ווײַטע צײַטען... שפּעטער, מיט דרײַ הונדערט יאָהר. נײן—מיט טויזענד יאָהר שפּע-טער—וואָס למשל פאַר אַ אויסזוכט וועט האָבען די ערד?... און די מענשען? וואָס פאַר מענשען וועלען דאָס דאַמאָלס זײַן? וועלען אויך דאַמאָלס די מענשען זײַן אַזוי קלײן ווי הײַנט?... אפשר וועלען דאַמאָלס גאָר קיין מענשען שוין נישט זײַן...

געוויס... גאנץ מעגליך... אי יענע יאָהרען... אי יענע יאָהרען.

און איהם האָט זיך פאַר געשטעלט, אַז ער איז אַוועק ערגיץ ווייט... ווייט צו יענע ערהאַבענע יאָהרען... די ערד איז שוין לאַנג אַ תוהו ובהו געוואָרען. אַלע מענשען זענען אויס געשטאָרבען... אַלע זענען געשטאָרבען... נאָר ווילדע גראָזען, אומגעלומפערטע גרויסע בוימער האָבען אויסגעוואַקסען... און אַזוי שטיל איז אויף די ערד געוואָרען... אַזוי שטיל! דאָ און דאָרט האָט מען נאָך אַלטע חורבות געזעהן, פערשוטע צערשטערטע געביידעם... און נאָר בוימער מיט גרויסע גראָזען... אין ווי ער האָט זיינע אויגען געוואָרפען האָט ער נאָר בוימער געזעהן, נאָר בוימער... און אַזוי שטיל... אַזוי רוהיג — שאַ — אַ...

בעגייסטערט פון די פאַנטאַזיע, און דאָס בילד פון יענע יאָהרען, האָט איהם אַזוי זיין נשמה געגלעט, האָט אַזוי בערוהיגט זיינע צערטראָגענע צערשטערטע אוננאָרמאַלע נערווען, אַז ער האָט זיך פון וויינען אָב האַלטען נישט געקענט; ער האָט געפיהלט ווי הייסע טרערען פליעסען אויף זיינע באַקען; און ער איז גע־בליבען צוריק־געזעצט פון די טרערען; ער האָט פאַר זיך זעלבסט זיך געשעמט. און ווידער האָבען יענע שווערע מחשבות געפלינדערט אין זיין קאָפּ: וואָס איז מיט איהם פלוצלונג געוואָרען? אַ — ווי שעהן און ערהאַבען מאַכט דאָס געווען ווען אַלע מענשען מאַכען פלוצלונג אויס געשטאָרבען, און די ערד מאַכט אַ תהו ובהו געבליבען... אַ נצוח מאַכט עס געווען געגען די גרויזאַמע שלעכטע נאַטור... אַ נקמה... אַ נ—ק—מ—ה...

ער האָט ביטער געשמייכעלט טראַכטענדיג די מחשבות, און דאָס פורכטגעפיהל האָט איהם עטוואָס נאָך געלאָזט. ער האָט פּרובירט פריי׳ער אויף אָטום׳ן; דער נעבעל וואָס איז די גאַנצע צייט פאַר זיינע אויגען געשטאַנען, פערשטעלענדיג יעדען ליכטיגען שטראַהל, האָט אָן געהויבען נאָך לאָזען; נאָר פלוצלונג האָט דער הונד זעהר אַ הויכען ביל געטהון, מאָריץ׳ס האַרץ האָט זיך צום אָבריסען אַ צאַפּעל געטהון. ער האָט זיך אַזוי ערשראָקען אַז

א שוידער איז דורך זיין גאנצען קערפער א דורך געלאָפען. זיין בלאַ־סעם פינסטערע געזיכט האט זיך אן געצינדען, און ער איז געבליבען זיצען אונבעוועגליך האלב אונמעכטיג מורמעלנדיג קיילענדיג צו זיך: שדים רייצען זיך מיט מיר בפיון... ווי איך האב זיך ערשראָקען... און א שווערער וואָלקען האט ווידער אין זיינע געהירען גענומען וואנדערען.

ווען ער איז עטוואָס צו זיך געקומען האט ער דעם הונד אזא שלײַדער געטהון, אז קוויטשענדיג איז ער ביז צו די צווייטע טיהר געפאלען; און מאריץ האט בערוהיגען זיך נישט געקענט.

ער האט זיך אויף געשטעלט, און מיט שרעקענדע לאנגזאמע לייכטע טריט זיך אן געהויבען דרעהען איבערן שטוב אהין און צוריק ווי א פערוואָגעלטער שאָטען, אלע ווײַלע צום פענסטער צו געלאָפען, אראָב געקוקט, אפשר — אפשר וועט ער יעמאנדען זעהן אדורך געהן, אפשר וועט ער ערזעהן א מענש... חאָ חאָ חאָ, עס איז איהם פלוצלונג באנג געוואָרען אין מענשען... אזוי באנג... און מאכט חאטש דאָרט יעצט אריין געקומען, מאכט ער אן ערלויבניש זי ארום געחאפט און געקושט, און געהאלזט, און געדרוקט צו זיין ברוסט... ער וואָלט זיך יעצט מיט איהר אין איין הארמאָניע צו זאמען גע־גאָסען, און איין טיעפע צערטליכע הארמאָניע, זייערע ביידענס קער־פער מאכען אין איין גייסט פערוואנדעלט געוואָרען. און אויך זי מאכט געוויינט אויף זיינע טרערען...

וואָס איז מיט מיר פלוצלונג געוואָרען? האט ער זיך ווייטער געפרעגט איבעררייסענדיג מיט צאָרן אלע זיינע משונה'דיגע מחשבות. ווער זאָל וויינען? ווער זאָל אויף מיר רחמנות האָבען? קיינער... קיינער... איך האב פיינד רחמניות! וועט זי דאָס אריין קומען, דאָרא'ן מיין איך, א קוק טהון אויף מיר, און איהר קליינעם נעזעל וועט זיך אן הויבען באוועגען... זי וועט אויף מיר שטעלען א רחמנות־פנים... און פון איהרע בלאהע אויגעלעך וועלען זיך איינציגווייז אן הויבען טרערען אראָב גליטשען, זי וועט וויינען. ווייל — זי וועט האָבען רחמנות אויף מיר... און איך — וועל זיצען האלב טויט, מיט

צו שרויפטע געהירען, און וועל דאָס אַלעס צו קוקען. איך וועל וויסען אַז דאָס וואָס זי שטעהט יעצט אַזוי וויינענדיג מיט איהר פערקרימטען רחמנות=פּנים, איז, ווייל זי האָט מיטלייד אויף מיר אונגליקליכען. און ס'וועט מיך אָן הויבען עקלען איהר רחמנות=פּנים, וועל איך דאַן פערהאַקען די טיהר, און אַרויס לויפען ווי אַ אמת'ער משוגענער... כ'וועל לויפען איבער בערגער און טהאָלען, איבער פעלדער, און וועלדער, לויפען יאָגען, שנעל מיט אַלע כחות לויפען אָן אויף הער, ביז די קרעפטען וועלען מיר אויס געהן, איך וועל ערגיץ וואו אַנידער פאַלען און אַ סוף, צו אַלע טייוועלס...

דאַן האָט ער ווידער האַסטיג אָן געהויבען איבערן שטוב לויפען אום צו פערטרייבען אַלע מחשבות; אָבער ווי מיט אַ כיון האָבען זיי זיך איין זיין מח געדרענגט, אַ תהו ובהו בילד האָט זיך איהם ווידער פאַר זיינע אויגען געשטעלט, און אַ ברענענדער ווילדער צאָרן האָט איהם אָן געחאַפּט. ער האָט געפיהלט אַ רוישענדען שטורמישען באַגעהר צו צערשטערען און פערניכטען אַלעס וואָס ער האָט נאָר געזעהן. ס'האָט זיך איהם אַזוי פערגלוסט צו נעהמען זיין שווערען שטעקען און אויסהאַקען אַלע שויבען פון פענסטער, ס'האָט זיך איהם אַזוי געוואָלט מיט'ן קאָפּ פון שטעקען אַ זעץ טהון אין גרויסען שפּיגעל אַריין וועלכער שפּיגעלט אָב זיין קרענקליכעס געזיכט, אַזוי, אַז הימעל און ערד זאָלען ציטערען, און אַלע בעשעפּענישען זאָלען זיך ערשרעקען... — אַ־ וואָלט ער געוועזען אַ גייסט עפּיס אַ משונה'דיגער קרעפטיגער כּישוף=מאַכער, אָדער אַ גאָט, צו אַ טייוועל, אַלץ איינס, נאָר מיט כחות, מיט צויבעריען, וואָלט ער אַ נעהם געטהון דעם גאַנצען ערד קוגעל, חאַ חאַ, און מאַכט איהם אַזוי צו שאָקעלט און צעטרימערט! ער מאַכט צו זאַמען געמישט שטעדט מיט ים'ן, וועלדער און טהאָלען, ער מאַכט צו ריבען צערשטערט און צערשמעטערט אַלעס — דעם גאַנצען ערד קוגעל! און אַ סוף זאָל עס נעהמען.

כ'בין פון זינען אַראָב... מחשבות. מאָדנע... לעכערליך... האָט ער וויינענדיג געפליסטערט.

און דאן האט ער אן געהויבען נאך קאנטראלירען זיינע געדאנקען; נאך רעכקען וואס ער האט דא געטראכט; און עס איז איהם אויס געקומען אזוי לעכערליך, אז ער האט געמיינט דאס ער האט דעם איבריגען פערשטאנד פערלוירען, און ער האט ווידער אן געהויבען טראכטען וועגען זעלבסט-מארד. פערשידענע טויט געוועהר האבען אדורך געבליצט אין זיין פאנטאזיע: ער האט זיך געזעהן שטעהענדיג מיט א פלעשיל סם אין האנד פון וועלכען ער געהט אט אט א טרינק טהון; ער האט געזעהן א שטריק הענגענדיג אויף א האק, א גרויסען דיקען שטריק, און וועלכען ס'איז א צו ציהער געמאכט געוועזען, ווי ס'האט זיך זיין האלז צו געצויגען; ער האט געזעהן א געלאדענעם רעוואלווער געריכטעט צו איהם, וועלכער שיעסט אט שוין אויס און זיין קאפ אריין. דאס אלעס איז דורך זיין געדאנק אדורך געפלויגען, און ס'האט איהם א חשק אן געחאפט צו נעהמען זיין רעוואלווער, אוועק זעצען זיך בריוח ביים שפיגעל, צו לעגען דאס שווארצע, אך פון רעוואלווער צום שלייף, א ציה, שטארק, און שוין... א אבן דומם... ער האט אבער געפיהלט אז עפיס אונוויסענדעס, עפיס אונבעגרייפליכעס, ציהט איהם און בינד איהם צום לעבען. ער איז צום פענסטער צו געגאנגען ארויס קוקען, אום אב צו ווענדען די שרעקליכע געדאנקען פון זיך, און זיך בעסער פערטראכטען אין ווייסען שנעה, אדער אין די שיטערע טראפענס רעגען וועלכע האבען משונה'דיג געקאפעט אן אויף העך, נאר די פינסטערע פייניגענדע מחשבות פטור צו ווערען, און פערגעסען אין זיך א ביסעל פערגעסען זיין איינענעם איך... ער האט אבער דורך די צייט וואס ער איז ביים פענסטער געשטאנען, געזעהן א זאלכעס, וואס האט זיינע געהירען נאך מעהר צו רייצט, און נאך מעהר פערשטארקערט זיין אומעט...

א יונגער מגושם'דיגער יונג מיט א רויטע איינגעקנייטשע נאז א געלבען שפיציגען באשליאק אויפ'ן קאפ, א גראהע דורך געוויקטע קאפאטע ביז די קניען, א פאר בריימע רויטע שטיוועל, איז געגאנגען פיהרענדיג א גאנץ יונגעם קעלבעל. מיט די רעכטע האנד האט ער

עס בײַם ווײַדעל געהאַלטען, און אַזוי אַרום אַלע פּאָר סעקונדען שטוי־סענדיג אויף געהויבען, אַז עס איז געבליבען שטעהן נאָר אויף די פאָדערשטע צווײַ פּיס; און מיט דער לינקער האַנד האָט ער ניט געריהט, נאָר געקלאַפּט און דעם נפש אַרײַן אַ מאָל אין דער זײַט, אַ מאָל אין דער זײַט, אַז דאָס קעלבעל האָט נישט געוואוסט אין וועלכער זײַט עס זאָל געהן, און איז אַלע ווײַלע געפאַלען מיט די פאָדערשטע פּיס. אָבער ער האָט עס יעדעס מאָהל אַ הויב געטהון הויך, אַ פּאָר שטאַרקע קלעפּ אין זײַט, און דאָס קעלבעל איז ווײַטער אין די זינקענדע קלעבענדיגע בלאָטעס געגאַנגען, און איז ווידער געפאַלען, און ער האָט ווידער געקלאַפּט... אַ ווײַסע שוים איז שוין דעם קעלבעל פאַר'ן מויל געלעגען...

ער האָט זיך אין די אויגען פון קעלבעל אײַנגעקוקט, אַזוי רחמנות'דיג האָבען זײַ געקוקט, גראַדע ווי זײַ מאַכען הילף געזוכט. און דאָס געהט אַזוי, אַוועק גענומען עס פון די מוטער, און דאָ פיהרט מען עס אויף אַזאַ זאַווערוכאַ, קאַפּיענדיג, שלאָגענדיג, און רײַסענדיג בײַם ווײַדעל... און דער סוף דערפון?... די ענדע?... נעהמען אַ שאַרפעס מעסער, אַ חלף, אַרײַן שנײַדען טיעף אין האַלז, ביז דאָס גאַנצע בלוט וועט אַרויס לויפען... דאַן צו שנײַדען, אָן קאָכען, און אויף עסען... מענשען עסען דאָס... צו וואָס ביזטו געבוירען —

זײַן גאַנצער גוף האָט זיך אָטאָמאַטיש געוואָרפען, און ער האָט געוואָלט אַרויס שרײַען צו דעם יונג, נאָר דאָס מויל איז בײַ איהם פאַראַליזירט געווען.

דאַן האָט אַ אַנדער בילד זײַן אויפמערזאַמקײַט צו געצויגען: עטליכע פערשידען־קאָהלעריגע היהנער, זענען האַרט בײַם פאַרקאַן געשטאַנען, וועלענדיג זיך שיצען פון קעלט; דעם שטורם־ווינד האָט זײַערע פעדערען אַוועק געבלאָזען, און דער שנעה מיט'ן רעגען און האָגעל האָבען דאַרט ווי שטעכענדע שפּילקעס געהאַקט. זײַ, די היהנדלעך האָבען זיך אַלע צו זאַמען געדרוקט, אום עס זאָל זײַ אַזוי קאַלט נישט זײַן און אַזוי ציטערענדיג מיט אײַן געקורטשעטע קעפּלעך זענען זײַ ווי פערח"ומ'טע געשטאַנען, פערמאַכענדיג אַלע ווײַלע די אויגען.

א פייגעלע, נאך גאר א יונגעס, מיט גאנץ וועהניג יונגע פעדערליך, איז פון דאך א טויטעס אראב געפאלען, קענטיג אז די אכזריותדיגע קעלטען האבען עס געטויטעט. יעצט איז עס שוין אונטען א אויסגעווייקטעס געלעגען, מיט צוויי דארע פיסלעך ווי גאנץ דינע דראהט, דאס פיסקעל אויסגעשטרעקט אין בלאטע...

און ער, זייענדיג אזוי פערצומערט און גייסטיג צובראכען, האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ער הערט אט דאס קליינע פיסקעל רעדט: נאט זעהט — נאטור! איין קראפט בעשאפט א צווייטע פערניכטעט...

צו מאכענדיג פעסט די אויגען, אום נישט צו קוקען אויף דעם ארימען פייגעלע, האט ער זיך אב געווענדעט פון פענסטער און אן געהויבען ארום לויפען איבער'ן שטוב ווי א אמת'ער וואהנזיניגער שרייענדיג אויפ'ן קול: דאס הייסט וועלט? און דאס מ'שטיינסגעזאגט הייסט לעבען?... אה לעבען!...

און ווידער האט ער אן געהויבען איבערן שטוב געהן, ווידער האבען איהם אן געהויבען פייניגען יענע געדאנקען. נאר פלוצלונג האט ער זיך אין מיטען שטוב האסטיג אב געשטעלט, צוהאלטענדיג פעסט מיט ביידע הענד זיין צושרויפטען קאפ, און ברומענדיג ווי א פערוואונדעטער לייב, איז ער א לאנגע צייט געשטאנען בעוועגינסלאז, מיט ווילדע אוים געשטארטע אויגען. דאן האט ער זיך לאנגזאם צו די טיהר געלאזט, פאמעליך זי אויף געמאכט, אראב געגאנגען אויף די שטיגען צעהלענדיג זיי ווי פיעל זיי זענען. זיעבענצעהן שטיגען זענען געוועזען! ער איז ארוים און זיך אנידער געשטעלט אין מיטען גאס: אפשר וועט ער יעמאנדען זעהן... אפשר וועט א פוהר א דורך פאהרען... אפשר — ער האט אליין נישט געוואוסט וואס ער טראכט, ער האט זיך קיין חשבון נישט געקענט אב געבען אויף דעם וואס ער האט געטראכט, וואס ער האט געוואלט... נאר עס איז איהם אזוי באנג געווארען, עס איז איהם דעם טאג אזוי שווער אויף זיין הארץ געווארען... עס האט זיך איהם אזוי געוואלט האבען א מענש וואס זאל פיהלען זיינע ליידען, און זאל איהם טרייסטען אויף זיינע צודראפעטע וואונדען, אויף זיינע אויסערגעוויעהנליכע שמערצען,

אז ער האָט פלוצלונג ערפיהלט אַ רחמנות־געפיהל צו אַלעם וואָס ער האָט נאָר געזעהן, און נאָך מעהר צו זיך זעלבסט. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט אז אַלעס, אַלעס וואָס זיינע אויגען זעהן ליידעט... אַלעס ליידעט... און זיינע שמערצען זענען אַזוי גרויס געווען... אַזוי גרויס — — — וואָלט איהם אַ צאָהן וועה געטהון, וואָלט איהם דער קאָפּ געהאַמערט, אָדער וואָלט איהם דער בויך געשניטען, מאַכט ער פערליעב גענומען, און מאַכט זיינע יסורים געדולדיג געליטען. עס האָט איהם אָבער גאָר נישט וועה געטהון, ער האָט נאָר געפיהלט אז אַ בייסענדער ווארם עסט זיין הארץ אַזוי פּאַמעליך, פּאַמעליך, ס'טהוט נישט וועה, נאָר עפּיס מאַרטערט עס אַזוי, עפּיס איז דאָס אַזוי שווער, און אַזוי אונענדליך.. אַזוי אונענדליך..

און דאַן האָט ער זיך ווידער געפרעגט: וואָס איז מיט מיר היינט געוואָרען? וואָס איז מיין פערלאַנג? וויים איך האָטש וואָס איך וויל? ניין — נישט מעהר ס'טויג נישט... ס'האָט געדאַרפט בעסער זיין... אפשר איז מיר באַנג אין מענשען? אהא — עס ווילט זיך אוודאי האָבען אַ מענשען ביי זיך וואָס זאָל מיינע נאַרישע דאגות אויסהערען, און דער יעניגער זאָל זיין אַ גוטער, אַ הארציגער ווי אַ מאַמע וועלכער זאָל מיך נישט אויסלאַכען, נאָר מיטליידענד מיט פיהלען מיינע שמער־צען... ווילט זיך מיר רחמנות הייסט עס... הם...

רחמנות? ניין, בעטען רחמנות ביי אַ מענשען, דאָס איז נידריג, דאָס איז נאַריש, דאָס איז קינדיש, און ס'איז אַ חרפה פאַר די נשמה, ליידען מוז מען אַליין... גאַנץ אַליין... קיינער דאַרף נישט ווימען, קיינער דאַרף אפילו נישט פערשטעהן. נאָר איך בין אַ שוועכ־לינג, דערפאַר ווילט זיך מיר מען זאָל מיך בעדויערען...

אייגענטליך, אין וואָס בעשטעהן מיינע ליידען, און וואָס? בלויס מיר ווילט זיך שטאַרבען; ס'איז נישטאָ צוליעב וואָס, זיך דאָ אַרום צו דרעהען; אַלע וואָך דער זעלבער דינסטאָג... נו צו דעם איז דאָך דאָ אַ עצה: מען טרינקט זיך אָן אַ בויך מיט גיפט; אָדער מען הענגט זיך אויף אויף אַ שטריק; אָדער מען נעמט נאָר אַ רעוואָלווער, מען לעגט צו דעם לאָך צום שלייף, און אַ ציה — איז שוין אַ סוף... נאָר

איך בין א שוועכלינג, און איך קען נישט שטארבען. נון, הייסט עס, ווילט זיך מיר האבען א מענש וועלכער זאל מיר די געדאנקען אויס רעדען, אז נישט שטארבען דארף מען, נאר לעבען דארף מען; הייסט עס אז באמת וויל איך לעבען נישט שטארבען; נון, וואס פאדער איך דען פון דעם נידריגען פערחושך׳טען לעבען אזאלכעס וואס עס קען מיר נישט נאך קומען? וואס? וואס דען עגבערט מיר אזוי מיין מוח? וואס גראבעלט מיר אזוי מיין הארץ? און וואס פלינדערט מיר ארום אין מיינע געהירען דער שווארצער פינסטערער וואלקען? וואס וויל איך? און וואס האב איך שטענדיג געוואלט? איך וויל... האב געוואָ׳ט... צום טייוועל, געוואלד! מיינע געדאנקען זענען נישט קלאר! ניין, ניין, ניין...

ער האט אויס געבראכען א געוויין, פערשידענע געדאנקען האבען איהם ווידער אן געהויבען פלאגען, און ער האט אן געהויבען שנעל לויפען, אום צו צערשטרייען זיינע נערווען, פערגעסען האטש אז ער איז ארויס געלאפען פון שטוב מחמת איהם טרייבט עפיס, מחמת איהם בענגט זיך נאך עפיס וואס ער פערשטעהט נישט, וואס ער פיהלט נישט, און ווייס נישט. דער רעגען, דער האקענדער שנעה האט איהם אבער געהן נישט געלאזט, און שנעל כמעט לויפענדיג האט ער אן געהויבען מארשירען צוריק. בעטראכטענדיג מיט פינסטערע בליקען, אלעס וואס איז איהם אינטער זיינע אויגען געקומען האט ער אויף די שטיגען צו צוויי מיט א מאל געשפרייזט, אריין געלאפען אין שטוב שנעל ווי א ווינטער, אראב געווארפען פון זיך דעם הוט אויף די פאדלאגע, די קאמאשען מיט׳ן ראק אלעס אויף איין ארט. נאכ־הער איז ער האסטיג צום פענסטער צו געלאפען אראב געצויגען די געלע ראליעט; און ווען די ראליעט האט זיך פערטשעפעט און אויף די רגע זיך נישט אראב געלאזט, האט ער קריצענדיג מיט די ציין אזא שלעפ געטהון זי, אז זי איז שיעור אויף שטיקער צעריסען געווארען. דאן האט ער זיך מיט אומפעט א ווארף געטהון אין בעט אריין אז דאס גאנצע בעט האט א צימער געטהון, האט זיך מיט די דעק גוט ארום געוויקעלט, פערבינדען דעם קאפ מיט א טוך עס זאל איהם אין קאפ נישט קאלט

זיין, און האָט פערמאַכט די אויגען אום איינצושלאָפען. באַלד האָט ער אָבער געפיהלט אַ הילכענדעס קלינגען אין די אויערען אַזוי ווי אירגענד אַ מעלאַנכאָלישעס קירכען גלאָק וועלכעס קלינגט מיט איין טאָהן. און ער האָט זיינע אויגען ווילד גיעפענט, נאָכהער האָט ער זיי ווידער פערמאַכט נייטענדיג זיך צום שלאָפען. אָבער זיינע געדאַנקען האָבען אָן אַ שום צו זאַמענהאַנג, אָן יעדען סיסטעם, אַזוי געוואַנדערט פון איין געגענשטאַנד צום צווייטען, פון איין אָרט צום צווייטען און דאָס קלינגען האָט זיך אַזוי שאַרף און דייטליך געהערט, אַז ער האָט בעקיינעם פאַל איין שלאָפען נישט געקענט, ער האָט זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער; ער האָט פון זיך די דעק אַראָב געריקט; און שלאָפען נישט געקענט. דערווייל האָט די נאַכט צו געריקט; אין שטוב איז דינקעל געוואָרען; און שלאָפען האָט ער אַלס נישט געקענט. אַנשטאָט שלאָף איז איהם אַ שרעק בעפאַלען, אַ אויסערגעוועהנליכע אימה. אַ מין מרה שחורה, און עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט אַז עמיץ שטעהט איבער איהם אין דער לופטען, מיט אַ אונגעוועהנליכעס גרויסעס מויל, און שטעקט אויף איהם אַ צונג אַרויס, מיט אַ אויסערגעוועהנ־ליכעס העסליכעס געלעכטער. אַ זאָלכע שוואַרצע שאַרפע ציין האָט ער געזעהן, אַזאָלכע גרויסע גרינגליכע אויגען... אַזאָלכע גרויסע שרעק־ליכע אויגען... זיין האַרץ האָט איהם געפרעסט; זיין האַרץ האָט געשראָקען. אַ נאַסער קאַלטער שווייס האָט אויף זיין פנים אַ־ויס געזעצט. ער איז געלעגען מיט זיינע שרעקענדע אויגען צום סופיט, קוקענדיג אין די שוואַרצקייט פון דעם צימער, ביז די שרעק האָט איהם אָן געהויבען נאָך שוידערהאַפטערע בילדער וואַרפען...

דאַן איז ער שנעל אַראָב פון בעט, אָן געצינדען די לאָמפ אויף וועלכע ס'איז אַ גרינגע שיין געוועזען, און זיך אַוועק געזעצט ביים פיאַנע שפּיעלען. אַ גאַנצער טייך טרערען האָט פון זיינע שרעקענדע אויגען געשטראָהמט. ווייך זענען די טענער פון די פיאַנע געוועזען, בעטענדיג, שוידערהאַפט... און זיין ליעד וואָס ער האָט צו גע־זינגען, האָט אוים געזעהן ווי די פיאַנע מאַכט עס געריעדט;

וואָס פאַר אַ נאַכט? פערוואָגעלטע נאַכט...

נאכט מיט קאָשמאַרען און חלומות.
טרוימען זיי ציהען זיך ווי וואָלקענס אַרויף,
און זינקען אין טיעפע תהומות — — —

ווי אַ עכאָ אין אַ מדבר; אַ שטימע, אַ שטילע, אַ רייסענדע, וועלכע האָט אָן געפּילט דאָס הארץ מיט משא און בענגשאַפט, האָט זיך ווידער געהערט, עפּיס האָט ער זיך געבעטען און גע־ברוגז'ט, און די פערצווייפלונג אַליין האָט גערעדט מיט אונטער־דריקטע צאָרן, וויינ און ליידענד:

ס'שרעקט מיר מיין הארץ, און עס פלאַטערט אַזוי...
פאַר וועמען? פאַס וואָס? ווייס איך ניט,
פון יעדען געריידער, פון קלענסטען גערויש,
ווערט מיר פערפרוירען מיין בלוט—
ס'טריפט מיר מיין הארץ, און עס ברענט אָן אַ שיעור,
ס'גיסען זיך טרערען אַ טייך;
ס'וואַרפט מיך אַרויף, אַרויף און צוריק,
כ'בין ווי אַ טויטער שוין בלייך.

און ווען די שרעק האָט איהם מיט נאָך מעהר קראַפט ערגרי־פען, ווען די בילדער האָבען זיך פערוואַנדעלט אין נאָך מעהר שוידערהאַפטע געשטאַלטען, האָט ער מיט שרעק שוין העכער גע־זינגען, און געקלאַפּט אויף די פיאַנע וועלענדיג אַלעס פער־טרייבען.

די שטונדען זיי ציהען זיך, ווי פאָדען פון פעך, ווי פאָדען פעך, ווי פאָדען פון פעך!
אין שוואַרצע געשטאַלטען — אַ שרעק!
ס'קלינגט אין די אויערען, עס רוישט איין מיין מוח,
און ס'נעהמט צו דער נאַכט גאַר קיין עק...

פלוצלונג האָט זיך איהם אויסגעדאַכט אַז מען קריכט אויף די וואַנד, אַז עמיץ שרייט גרויסע פערצווייפעלטע קולות; ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז נישט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע פון זיינע קראַנקע נערווען, דאָך האָט ער זיך אַזוי געשראָקען, אַזוי געשראָקען...

און מיט צאָרן אויפ'ן קול האָט ער געשטורמט, קלאפענדיג רעש'דיג אויף די פיאַנע:

וועך קלאפּט דאָס אין פענסטער? וואָס טאַנצט אויף די וועגד?

ווער מאכט דאָס אַזאָלכע יללות?

פערשאָלטען — זאָל — זיין! דער בעשעפער דער נאַ—אַ—כט!

פערשאָלטען מיט עוויגע קללות — — —

צום שלום האָט ער מיט ביידע הענד אַ פאָהר געטהון איבער די בײנדליך, אַז עס האָט אויסגעזעהן ווי די גאַנצע פיאַנע מאכט צו שפּרינגען געוואָרען, דאַן האָט ער די לאָמפּ אויס געלאָשען, און ווי אַ שטיק לײם שווער, זיך אַריין געוואָרפען אין בעט.

ווי נאָר ער איז אַריין אין בעט האָט ער שוידערהאַפטע בילדער ערזעהן, פון וועלכע די פאַנטאַזיע האָט איהם נישט אָב געלאָזט נאָר געצויגען פון איין בילד צום צווייטען, פון איין שמערץ צום צווייטען. ער האָט געזעהן: אַ מענש פון אַ יאָהר פיער־ציג ליגט אין אַ קלײנעם ענגעס צימערעל, אויף אַ שמוציג בעט, מיט גרויסע אָפענע וואונדען, און שרייט אַזוי שרעקליך פון זיינע יסורים; ביים בעט שטעהן קלײנע קינדער, וויינענדיגע אויף אַ שטיקעל ברויט און אויפ'ן פאָטערס יסורים. זיי די קינדער קוקען זיך אָן איינס ס'צווייטע, וואַרפען אַ בליק אויפ'ן קראַנקען פאָטער, און זייערע אויגען זענען רויט און געשוואָלען פון טרערען, און דער פאָטער ליגט און צו־געהט פאַר וועהטאָג.

אין אַ וואַלד צווישען געדיכטע בוימער, דרעהט זיך אַרום שוין אַ עלטערער מענש, אַ צובראָכען נפש, וועלכער איז משוגע געוואָרען פון אָרימקײט, און איהם דאַכט זיך אַז עמיץ דריקט זיין האַלז, ווערגט איהם, און אָט פיהלט ער אַז ער שטאַרבט, און ער קוקט אַזוי פערצווייפעלט; הילף זוכט ער, מען זאָל איהם ראַטעווען פון דעם שרעקליכען טויט. ער שטיקט, ער שטאַרבט, זיינע אויגען זענען אַזוי משונה'דיג גרויס. און קיינער קען איהם נישט העלפען, קיינער קען איהם נישט היילען. און זיין קערפער וואַקעלט זיך פאַר יסורים.

אײנער אַ שענער מאַנספּערזאָן, טרינקט זיך אין װאַסער, אַלע זײַלע פֿאַלט ער אַראָב, און װידער אַרויף, און ער װאַרפֿט מיט די הענד, צאַפּעלט זיך מיט טויט=שמערצען, פֿערליערט דאָס בעװאוסט= זײַן, און פֿאַלט געגנצליך אַרונטער אונטער דעם קאַלטען װאַסער.

דאַן האָט ער געזעהן, װי אַ יונגע פֿרוי װאַרפֿט זיך אַראָב פֿון אַ פֿענסטער; די האָהר צו לאָזט, די הענד צושפּרײט, פֿאַלט זי אַנידער אויף די האַרטע ערד, און איהר קאָפּ װערט צערשמעטערט.

און עס האָט איהם װידער אַ חשק אָן געהאַפּט, אַרויס צו שפּרינגען, צו צערשטערען, און פֿערניכטען אַלעס... קײן זאַך מעהר ניעשט איבער לאָזען. און װידער האָט ער אָן געהויבען טראַכטען װעגען יענע װײַטע יאָהרען, װידער אָן געהויבען חלומ׳ן פֿון יענע אײביגע װירקליכקײט... און װי אַ שװאַכער װעלכער איז מנצח דעם שטאַרקערען און נעהמט פֿון איהם נקמה, איז ער יעצט אַ מיעדער זיפֿצענדיג געלעגען... זײַן געזיכט האָט געפֿלאַמט פֿון צאָרן; זײַן האַרץ האָט זיך געצאַפּעלט; און זײַן געזיכט איז מיט בלוט פֿער= לאָפֿען געװאָרען. אַ רויטער אַ אָן געבלאָזענער איז ער געלעגען, עס האָט זיך אויס געזעהן אַז אָט אָט װעט דאָס געזיכט צושפּרינגען, און דאָס מענשעל װעט אין אַ בלוט=שפּײַענדען באַרג פֿערװאַנדעלט װערען. אָבער װאָס ער האָט זיך געשראָקען, װאָס ער האָט געװאָלט, אויף װעמען ער האָט זיך אַזוי געבלאָזען, האָט ער אַלס ניעשט גע= װאוסט. נאָר די נאַכט האָט איהם אַזוי געדריקט, אַזוי געװאָרגען... ער איז װידער אַראָב פֿון בעט, אַ ליכט אָן געצינדען, און זיך אַװעק געזעצט אין אַ װינקעל פֿון שטוב. דער שפּיגעל איז אויס געקומען פֿונקט געגען איבער איהם, און ער האָט זיך דאָרטען גוט געזעהן, ער האָט געזעהן װי ער זיצט צו בראָכען אין דעם װינקעל מיט אויגען אָן שום אויסדריק, ער האָט געזעהן װי עס צאַפּעלט זיך דער פֿלאַם פֿון ליכט, װי עס רײצט זיך מיט איהם דאָס ליכט, און דער שװאַרצער נאַרישער שאָטען אויפ׳ן װאַנד, און ער האָט זיך פֿאַר זיך זעלבסט געשעהמט. דאָס ליכט האָט אָן געהויבען צאַנקען צום אויסגעהן, דער זײגער האָט געשלאָגען אַכט, און ער האָט געפֿיהלט

יעדען קלאַנג פֿון זייגער ווי מיט אַ האַמער אין קאָפּ. דאַן האָט ער געפּרובט זיך געזעגענען איבערגעבען דעם שיקזאַל: מעג דאָס ליכט ברענען, מעג עס אויס געהן, מעג זיין ערד ציטערניש, ער וועט אַלץ זיצען ווי אַ צו געוואַקסענער שד... דאָס גוסס'דיגע ליכט האָט איהם אָבער משונה'דיג צו געווינקען, און די גאַנצע שרעק פֿון וועלכע ער האָט ביז יעצט אַזוי פֿיעל געליטען, האָט זיך פֿערדאָפּעלט. ווידער האָט ער זיך מיט זיין פֿערשטיינערט האַרץ אין בעט געלעגט, און ווי אַ קינד וועלכעס האָט שוין קיין כח נישט פֿון וויינען האָט ער געפּליסטערט: גאָטט! שיק מיר אַ טרוים וועניגסטענס צו... אַ חלום וועלכער זאָל מיר פֿערזיעסען חאָטש עטליכע שעה פֿון מיין לעבען. מיר ווילט זיך פֿיהלען דעם טעם פֿון צופֿרידענעם לעבען... פֿון צופֿרידענעם לעבען... פֿון צו – פֿרי – דע – נעם לע – בען – – –

ווי מען ציהט די פֿאָרהאַנג אין פֿינסטערען טעאַטער אַרויף, און עס בעווייזט זיך אַ ביהנע מיט די העלסטע עלעקטרישע בעלייכטונג, אויסדעקאָריערט מיט די שענסטע קינסטליכע דעקאָראַציעס, וועלכע ציהען־צו דעם מענשענס אויג, און פֿיהרען איהם אַוועק אין אַ העכערע גייסטיגע וועלט. אַזוי האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט דאָס געשטאַלט פֿון די ערד ווען ער איז נאָר איינגעשלאָפֿען. גאָט האָט זיין געבעט צו געהערט און איהם מיט אַ גוטען חלום בעשאָנקען:

צווישען אַ גאַנץ לאַנגע רייהע הייזער, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט נאָר געקענט זעהן, איז געשטאַנען דאָס הויז אין וועלכען ער האָט געוואָהנט. און גאַנץ אויבען אויפֿ'ן דאַך אין אַ גאָלדענעם גאָניק, איז ער מיט זיינע שוואַרצע לאַנגע צולאָזטע האָר געשטאַנען בעטראַכטענדיג די לאַנגע רייהע פֿינקלענדע הייזער וועלכע איז גלייך ווי אַ ליניע געשטאַנען, און צווישען וועלכע ס'איז נישט געווען איינס וואָס זאָל זיין העכער אָדער נידריגער, אָדער געענדערט איינס פֿון צווייטען אַז מען זאָל קענען אונטערשיידען פֿון איין ביז'נם צווייטען.

צווײ רײהעס נישט זעהר הויכע הײַזער זענען דאָס גע וועזען געמאָהלט מיט די גרעסטע קינסטליכע נאַטירליכקייט, און אויס געאַרבייט לויט דעם לעצטען שענסטען סיסטעם, האָבען זיך געצויגען לאַנג לאַנג ווי נאָר ווײַט מען האָט געקוקט. די גרויסע שפּיגלען אויף יעדען הויז, די שענסטע בעצויבערענדע בילדער אויף זיי, האָבען אויסגעזעהן זיך צו באָדען אין גליק און אין ליכטיגקייט... אַזאַ וואַרמע זיסע האַרמאָניע איז אויף זיי אויס געגאָסען געוועזען, אַזאַ בעצויבערענדעס אויס זעהן, אַז עס האָט פֿערכישופ'ט דאָס האַרץ מיט די נשמה, און פֿאַר בענגע מיט גליק צו זאַמען האָט זיך איהם געוואָלט וויינען.

אַ צו געשמידעטער איז ער געשטאַנען בעטראַכטענדיג דאָס אַלעס: די ליכטיגע וואַרעמע זינן וואָס שיינט און גלאַנצט אַזוי הערליך; די אָב שפּיגלענדע שטראַהלען אויף די הײַזער; און זיך זעלבסט אָן שום בגד... ווי ווײַס ער איז... ווי קלאָר. און אַלעס לעבט דאָ, אַלעס שײַנט און בליהט... ער האָט זיך געפֿיהלט הויך, ערהויבען, און זײַענדיג גוט אויף געלעגט האָט ער ווי אין עקסטאַז געמורמעלט: גאָט! אַלעס קומט מיר פֿאָר ווי—אַ—ח—לום... אחלום... און האָט אָן געהויבען געהן אַהין און צוריק איבערן גאַניק מיט פֿעסטע טריט, בעטראַכטענדיג יעדע זאַך מיט נאָך מעהר אויפֿמערקזאַמקייט:

פֿון איין רײהע הײַזער, ביז די צווייטע געגען איבערדיגע רײהע איז זעהר ברייט געוועזען. בײַ יעדע רײהע הײַזער האָבען זיך ריכענדע בליהענדע פרוכטען=בוימער געצויגען, וועלכע האָבען פֿון זיך אַ אָנגענעהמען גערוך געוואָרפֿען. האַרט בײַ די הײַזער, אַ לאַנגער טראָטואַר אויס געבלימטען גאָלד. און — צווישען ביידע רײהעס בוימער האָט הויכע גראָז געוואַקסען, שענע ערקוויקענדע בלומען, רויזען, ליליען, קאַנוואַליען, וועלכע האָבען אויס געזעהן אָן צו פֿיהלען די מענשען מיט אמת'ן גענוס פֿון לעבען, און אין מיטען, איבער די גאַנצע ברייט, איז דער וועג מיט געבלומען מאַרמאָר געפּלאַסטערט געוועזען.

מענשען זענען לאַנגזאַם, נישט אײַלענדיג=זיך געגאַנגען אַהין

און צוריק, ווי יום טוב'דיגע, זייערע געזיכטער האָבען געשטראַהלט, זייערע פּוס אונטער זיי האָבען נאָר טאַנצענדיג אונטער געשפּרונגען, און אין זייערע אויגען האָט געשיינט די העכסטע שטופּע פון גליק... נאָר מאָריץ איז אַלס געוועזען דער זעלבער אונצופרידענער, און איהם האָט זיך אויס געדאַכט אַז אַלע געהענדע וועלכע ער זעהט, זענען נאָר אויבער פלעכליך גליקליך, אָבער טיעף אין זייערע הערצער טראָגען זיי שרעקליכע ליידען אַזוי ווי ער...

אַ לאַנגע צייט איז ער אַזוי געשטאַנען, קוקענדיג אויף דעם שענעם פּאַראַדיז וואָס די מענשליכע קונסט און פערשטאַנד האָט אויס געאַרבייט, און דאָס פּייניגענדע אונצופרידענהייט איז אויף זיין האַרץ ווי אַ משא געלעגען. ער איז אַראָב פון גאַניק און אַריין אין גאָרטען וועלכער איז געוועזען אָן געשלאָסען צום הויז.

דער גאָרטען איז זעהר ברייט נישט געוועזען, נאָר דערפאַר זעהר לאַנג, און אין די גאַנצע לענג פון ביידע זייטען איז אַ הויכער פּאַרקאַן אויס שפּיגעל געשטאַנען, דורך וועלכען דער גאָרטען האָט אויס געזעהן פיעל ברייטער צו זיין, און ווען מען האָט זיך אַנידער גע-שטעלט אַרום קוקען האָט ער אויס געזעהן ווי אַ אמת'ער הימלישער גן עדן.

ווען ער איז אַריין אין גאָרטען, און זעהענדיג זיך זעלבסט: אַ מענש מיט אַ פּיל געזיכט, שענע שוואַרצע האָר, און אַ גוט ענטוויקעלטען קערפּער, איז ער איבערראַשט געוואָרען. ער זעהט אויס נישט עלטער צו זיין ווי אַכטצעהן יאָהר, ער איז יונג גע-וואָרען, חאַ חאַ חאַ... אָט זעהט ער דאָס פרישקייט, דעם טהוי וואָס ליעגט אויף זיין געזיכט, אָט זעהט ער זיינע שטאַרקע מוסקעלען און מיט די פרעהליכקייט האָט ער זיך געלאָזט שפּאַצירען.

צוואַנציג רייהעס בוימער האָבען זיך אין דער לענג פון גאָר-טען געצויגען, יעדע רייהע אַ אַנדערע סאָרט פרוכטען, שעהנע בוימער מיט וואונדערבאַרע פרוכטען האָבען זיך געצויגען אין דער לענג פון גאָרטען, בויגענדיג זיך צו דער ערד מחמת משא. צווישען יעדע רייהע זענען גאָלדענע און זילבערנע וועגען געוועזען, אויף וועלכע

ס'זענען פיעל בלומען אויסגעקריצט געווען.

אויבערפלעכליך, זעהענדיג די שעהנע גרינע בוימער, די ריפּ־טענדע בלעטער און שעהנע פרוכטען, אויף וועלכע די זון דאט מיט אזוי פיעל פראכט און ליעבליכקייט געשיינט, האט עס אידם זעהר געפרעהט. נאר אינערליך האט אידם דער אלטער ווארם גענאגט און געגראבערט, אידם האט זיך אויסגעזעהן אז אט די אלע בוימער שטעהן פעראומערטע ווי פעראורטיילטע צום שלעכטס, און זיי פיה־לען שמערצען אזוי ווי ער, און זיי פרעגט זיך די שאלה: צו וואס? אזוי ווי אידם... און א געהיימע אונערקלערליכע מורא איז אידם בעפאלען, ער האט זיך געזעהן א עלענדער א איינזאמער אויף גאט'ס וועלט, נישט פיהלענדיג דערצו קיין שום אינטערעס, און קיין שום פערלאנג... און די פערלאנגען וואס ער האט יא געהאט, האבען אידם אויסגעזעהן אזוי ווייט... אזוי ווייט... אזוי ווייט... אז־נישט „די" הונדערט יאהר, און נישט „נאך" אין הונדערט יאהר וועט זיין פערלאנג ערפילט ווערען... און, ווען אמאל די צייט וועט קומען, די גרויסע גליקליכע צייט אויף וועלכע ער קוקט אזוי ארויס, און זיין בקשה וועט שוין יא שטעהן צום ערלעדיגען — וועט ער ליגען אין דער ערד, אין זאמד, א פערפוילטער... בלויס ביינער... א דומם.

און דאן, ווען די אלע מחשבות האבען זיך ערברייטערט, האט ער פאר זיין אייגענעם שאטען מורא געקריגען, נישט וויסענדיג קיין אורזאכע. און ער האט זיך געפיהלט פרעמד... פרעמד פערלאזען פון אלע און פון אלעם... ער האט זיך נאר געזעהן א שווערער ליידענדער וואנדערער... און ער האט מיט אלע כחות נאר די אונערטרעגליכע מחשבות פערטרייבען געוואלט, חאטש בלייבען אבסאלוט אן געדאנק...

פלוצלונג, האט זיך אידם דעם גאנצען גארטען אדורך שפאצי־רען געגלוסט, דורך קוקען אלע נארישע שפיעלערייען, און אן זאפען זיך חאטש מיט דעם וואכענדיגען רח פון די בלומען און גרעזער... ער האט אבער געצעגערט, אליין נישט וויסענדיג פאר וואס.

ער האט פון זיין שטעקען א קליינעם מאגנעט ארויס גענומען,

אראב געלעגט איהם אויף דעם גאלדענעם וועג, דאן איז זיין קליינער אטאמאביל צו איהם צו געפאהרען, א גאלדענע שטיעג האט זיך נידריג אראב געלאזט, אום ער זאל קענען לייכט איינשטייגען. ער האט ארויף געשטעלט איין פוס און אן געהויבען איינשטייגען, אבער אין דעם מאמענט איז זיין הויכעס שווארץ=גלאנציגעס פערד צו געקומען און א נידער געקניהט ער זאל זיך דארויף אויף זעצען.

דאס פערד, שטעהענדיג נישט וויים פון אטאמאביל, און זעהענדיג אז ער הויבט אן צו געהן, האט פערשטאנען אז מאריץ וויל געוויס ערגיץ פאהרען, האט עס זיך געלאזט נאך לויפען שנעל נאכ'ן אטאמאביל. עס האט אבער אוספעיען נישט געקענט, און איז געקומען מיט א פאר סעקונדען שפעטער. דעריבער האט ער דעם פערד געוואלט טהון א נחת רוח, און זיך דארויף אויף געזעצט. נאר נישט וועלענדיג דאס פערד פיעל מאטערען האט ער דעם אטאמאביל אריין געפיהרט טיעף אין גארטען, און איהם אן געצויגען ער זאל געהן ביז די רייהעס בוימער וועלען זיך ענדיגען, אום, דאן צו קענען פאהרען אויפ'ן אטאמאביל.

אויך זיין הינד דזיעק האט זיך געלאזט איהם בעגלייטען.

לאנגזאם לאנגזאם האט ער צווישען די בוימער מיט זיינע אלטע פינסטערע מחשבות ווי א שאטען געריטען, קיהל איז איהם אונטער די בוימער געוועזען, ווייל די זונען שטראהלען זענען מיט גרויסע צווייגען פערשטעלט געוועזען. לאנגזאם לאנגזאם מיט צו שויבערטע האר האט ער געריטען קוקענדיג פערטראכט אויף דער ערד, דאס פערד איז געגאנגען טריט ביי טריט, און זיינע מחשבות האבען געוואנדערט און געוואנדערט אויך טריט ביי טריט. ער האט זיך זיפצענדיג אויפ'ן פערד אום געלענט. עס האט איהם עפיס געפעהלט, וועלכעס האט איהם גרויסע שמערצען פערשאפט, און עס האט איהם עפיס געפרעהט. ער האט זיך געפיהלט בעהערשט פון צוויי זאכען; עס איז איהם אי שווער אי לייכט געוועזען... עס האט זיך איהם אוים געזעהן אז ער האט זיין פערוואונדעט הארץ שוין אין גאנצען פערלוירען, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז די אלע

גרינע דופטענדע בלעטער, די אלטע און יונגע בוימער, שמייכלען צו איהם רחמנות'דיג און באנג, אזוי באנג... ער האט געפיהלט מיט־לייד מיט די פער'יתום'טע בוימער, וועלכע שטעהן טאג איין טאג אויס אן שום תכלית. און דאס ארט ווי זיין הארץ האט געפעהלט האט איהם אזוי געפרעסט... אזוי געפרעסט!... עס האט איהם א חשק אן געחאפט, שנעל א שפרינג אראב צו טהון פון דעם פערד, און זיך ארום חאפען מיט אט די אלע בוימער, צו דריקען זיי פעסט צו זיך, אריין שטופען מיט געוואלד זיין פערלוירען הארץ, און זיך פעראייניגען מיט די בוימער, צו זאמען גיעסען־זיך אין זייער זיעסען רוהיגען לעבענסקוואל, און בליהען ווי זיי... נאר וועניגער ליידען... נאר וועניגער ליידען... עפיס איז איהם דאך די לעצטע צייט זיין אייגענער איך אונערטרעגליך געווארען, עפיס האט ער דאך די לעצטע צייט אזוי פיעל געליטען... געליטען פון זיינע ליידען, און פון דעם וואס איהם האט זיך אויסגעדאכט אז אלעם ליידעט, און נאר ער איינער אליין פערשטעהט עס...

לאנגזאם לאנגזאם איז דאס פערד געגאנגען, וואס א שטיק אויף א אנדערען וועג, ביז עס איז צו געקומען צו דעם ארט ווי די רייהעס בוימער האבען זיך געענדיגט. דער אטאמאביל איז שוין ווארטענדיג דא געשטאנען. מאריץ איז אראב פון פערד, און האלטענדיג ביידע הענד אויפ'ן קאפ איז ער שטעהן געבליבען בעטראכטען דאס בילד וואס איז פאר זיינע אויגען געשטאנען:

ביי די רעכטע זייט פון פארקאן האט זיך א לאנגער וועג אויס קלארעם גלאז געצויגען, ביי די לינקע זייט פון פארקאן, א לאנגער וועג אויס קופער. און צווישען די ביידע וועגען איז א גרינע לאנקע געלעגען, בעוואקסען מיט אזאלכע גרויסע גרעזער, אז ווען ער איז אריין אין זיי רייטענדיג אויפ'ן פערד, האט מען זיי ביידען נישט פיעל ארויס געזעהן.

מיט די קראפט פון אהונגעריגען וועלכער לויפט צום ברויט, אוןווארפט זיך צום עסען, מיט די זעלבע קראפט האט ער זיך אראב געווארפען פון פערד, אויף וועלכען ער איז ערשט מיט אייניגע

סעקונדען צוריק ארויף געגאנגען, גלייך טיעף אין גראז אריין, צו־דריקענדיג זיין גאנצען קערפער צו דער ערד, און געצויגען זייער דיינעם געשמאק. ער איז געלעגען מיט'ן געזיכט צו די ברענענדע זונן, און איהם האט זיך געפיהלט אזוי גוט, אזוי זיס, ליגענדיג אין גראז... אונוועניג איז איהם שווער געוועזען... ער איז יעצט גע־לעגען פריי, אונגעשטעהרט מיט זיינע מחשבות. און איהם האט זיך געוואלט אין דעם גראז שטענדיג ליגען. ליגען פריי אונגעשטעהרט און חלומ'ן זיינע ווייטע טרוימען, אונטער די לייכטענדע זונען־שטראה־לען; גאנץ געלאסען אן הויבען זיך בעטראכטען גאר אויפ'ס ניי, פון די ערשטע צייטען אן: וואס האט ער אין זיין לעבען אויף געטהון? וואס האט ער אויף געטהון פאר דאס לעבען, און זיינע לאנגע לעבענס־יאהרען? און וואס האט דאס לעבען פאר איהם געטהון? שוין צוואנציג יאהר ווי ער דרעהט זיך ארום אויף דער ערד, א פערוויא־געלטער, א פרעמדער, האט צו קיין שום זאך, קיין שום באגעהר נישט, קיין שום אונטערעס, קיין שום רצון. ס'לעבען זיינס איז אזוי פוסט, אזוי נאריש, אזוי צוועקלאז, ער דרעהט זיך ארום מיט פערגלאצטע פייכטע אויגען, האפענדיג אז דער מארגען וועט קומען וועט ער איהם נייעס אינטערעסאנטעס ברענגען. אז דער מארגען וועט איהם ברענגען לעבען... לע־בען... און פערענטפערען, זיין עוויגע פערדומפפטע פלאגענדע שאלה... און דער מארגען קומט — און דער מארגען פערגעהט — גאר נישט געבראכט — גאר נישט גע־זאגט... און ווייטער, עסען טרינקען שלאפען, און ווידער דאס זעלבע, און ווארט ווידער עס זאל קומען נאך א מארגען וועלכער וועט אפשר שוין רחמנות האבען, און איהם זאגען דעם גרויסען עוויגען סוד... ערקלערען איהם מיט א געניגענדען תירוץ צו וואס ער דרעהט זיך דא ארום... און דער אנדערער מארגען פערגעהט אויך, און ברענגט גאר נישט, און זאגט גאר נישט; און ער בלייבט ווייטער דער שטומער, דער עלענדער פער'חושך'טער וואנדערער אן א ציעל, און אן א צוועק... און זיין הארץ קלאפט ווייטער מיט דעם אלטען פעראומערטען נוסח; און — אין זיין מוח פיהרט זיך ווייטער דער

זעלבער אונארדנונג, דער זעלבער שרעקענדער מישמאַש, וועלכער פיינינט איהם, טאַטשעט און גראַבט און בויערט זיין צעריסען האַרץ שוין צוואַנציג יאָהר... שוין גאַנצע צוואַנ–ציג–יאַה–ר...

און ווידער האָט זיך איהם אויסגעדאַכט אַז אָט די אַלע גראָזען אויף וועלכע ער ליגט, און פרעסט זיי מיט זיין שווערען קערפער; די אַלע וואָס וואַקסען אַרום איהם, אַלע שמייכלען ביטער... אַלע ברעכען זיך פאַר וועהטאָג... אַלע הערען זיי זיינע מחשבות פאַר וועלכע ער שעהמט זיך אַזוי... און אויך זיי אַלע שרייען אַזוי ווי אַלעס, אויך זיי קלאָגען אויף זייערע ליידען, און נאָר ער הערט זייערע קלאָג=ליעדער.

מיט אומפעט, מיט ברענענדען צאָרן צו אַלעם, האָט ער זיך אַרויף געחאַפּט אויפ'ן אַטאָמאָביל, אָן געצויגען מיט פילען קראַפט, און אַזוי געפאָהרען איניגע מינוט. דאַן האָט ער ערפיהלט אַ שטורמישען וואַרעמען אָנגענעהמען גערוך, ער האָט אויף געהויבען זיין קאָפּ צום הימעל: איהם האָט זיך געדאַכט אַז פון אויבען קומט דער גערוך, נאָר וואָס ווייטער ער איז געפאָהרען, האָט ער דאָס געשמאַק מעהר געפיהלט. און פערשטעהענדיג אַז געוויס וואַקסען דאָ ווייטער בלומען, איז ער ווייטער געפאָהרען ביז ער איז צו די בלומען צו געקומען.

די בלומען האָבען געהאַט צוויי וועגען: פון די רעכטע זייט אויס געקריצטען גאָלד, און פון דער לינקער זייט אויס גלאַטעס זילבער, ער איז אַראָב פון אַטאָמאָביל, איהם אָן געצויגען צו געהן אויפ'ן רעכטען וועג פאַר אויס, אויך דאָס פערד האָט ער פאָר אויס געשיקט, און נאָר ער מיט זיין דיענער האָבען זיך געלאָזט געהן צווישען די בלומען.

יעדע בלום איז ווי דאָס אונטערשטע ראָד פון אַטאָמאָביל גרויס געווען, און זיי זענען נישט געוואַקסען אין לאַנגע רייהען ווי די בוימער, נאָר רונד, רעדער גרויסע און קליינע פון פערשיעדען=פאַרביגע בלומען, איבער די גאַנצע ברייט פון גאָרטען האָבען זיי זיך אויף אַ ווייטע שטרעקע געפלאָכטען איינס און צווייטען, יעדעס

ראָד אַ אַנדערע קאָלער, אַ אַנדער אַראָמאַט; מאַנכע רעדער פיעל קאָלערען צו זאַמען; עס האָט אוים געזעהן ווי בערגער פון בלומען, און ווען מען האָט זיך אַרום געקוקט: דאָס אָב שפּינלונג פון די בלומען אין ביידע זייטען פאַרקאַן, די גאָלדענע געקריצטע בלומען פון דעם רעכטען וועג, די לייכטענדע וואַרעמע זונען שטראַהלען, וועלכע האָבען מיט אַ שטאָלצער היילינקייט אויף די בלומען זיך געשיט — האָט זיך איהם געדאַכט אַז נישט אין אַ גאָרטען אויף דער ערד זיצט ער, נאָר אין דער לופט, צווישען הימעל און ערד... און חאָטש דאָס אַלעס האָט ביי איהם אויסגעזעהן וואָכענדיג און געווענליך, האָט ער דאָך אַ גרויסע הנאה געהאַט פון דעם גערוך וואָס האָט זיך געפיהלט איבער'ן גאַנצען גאָרטען, וועלכען יעדעס לייכטעס ווינדטעלע האָט צו טראָגען איבער'ן גאַנצען גאָרטען, און אָן געפילט די לופט מיט אַ זיסען געשמאַק.

לאַנג איז ער צווישען די בלומען אַ טרוימענדער געשטאַנען, און זיין הינד דזיעק האָט אוים געזעהן אויך עפּיס צו טראַכטען דען אויך ער איז אַ רוהיגער געשטאַנען קוקענדיג גלייך און פעסט אויף די בלומען.

קיין זאַך האָט אַזוי מאָריץ'ם אויפמערקזאַמקייט נישט צו געצויגען, קיין זאַך האָט איהם דאַמאָלס אַזוי פיעל נישט אינטערעסירט ווי די בלומען. דאָס איז דאָך דאָס שענסטע וואָס די וועלט פערמאָגט, בלומען! שעהן; פראַכטפאָל... וואָס איז דאָ שעהנעס? וואָס הייסט שעהן? ער זעהט ס'איז דאָס זעלבע וואָס אַלע נאַטור קרעפטען, זיי וואַקסען, זיי וועלקען, דאַן וואַקסען ווידער אַנדערע, אַנדערע בלומען אַנשטאַט די ערשטע... און שטענדיג זענען זיי דאָ... וועלקען די אַלטע וואַקסען די נייע, און שטענדיג זענען זיי דאָ; ניעמאַלס בלייבט דער גאָרטען לעהר... און שטענדיג פריש, שטענדיג ליעבליך, און רחמנות'דיג... ווי זיי ברעכען זיך דאָס; ווי זיי בייגען זיך עפּיס אין אַ זייט. זיי ליידען... זיי ליידען... יאָ יאָ — זייערע בעוועגונגען, זייער שאָקלען-זיך, זייער בייגען-זיך צו די זון, זאָגט עדות אַז זיי ברעכען זיך פֿון יסורים, פאַר שמערצען... און אָט

הערט ער זיי מורמלען צו איהם, זיי קוקען צו איהם, היִלף זוכען זיי ביי איהם, ביי דעם שוואכען מענשעל ווּעלכער דרעהט זיך אליין ארום הילפלאז און צעבראכען. זיין געזיכט האט ווי א פלאם זיך אן געצינדען, און ווי א פערצווייפעלטער האט ער זיינע הענד צו שפרייט... דאן האבען זיך די בלומען אין זיינע אויגען נאך מעהר געווארפען און איהם האט זיך אוים געזעהן אז ער מוז זיי העלפען, ער מוז זיי אויס לייזען די שטימע בעשעפנישען. ער האט א נידער נעקניהט, ארום געחאפט זיי מיט ביידע הענד און מיט א אפענעם מויל. דאן איז ער האלב אנמעכטיג אונטער זיך געפאלען.

זיין דזיעק האט זיך ערשראקען און אן געהויבען טאנצען ארום איהם ווי משוגע; דאן איז ער שנעל אוועק, און נאך שנעלער צוריק געקומען, האלטענדיג א גרויסען עפעל אין זיין מויל. שנעל צו מאריצ'ן צו געפאלען, און אריין געלעגט דעם עפעל אין האנד אריין. דאן האט ער זיך אונרוהיג אן געהויבען דרעהן, און גלעטען איהם מיט זיינע סאמוט גלאטע פום.

מאריץ האט דעם עפעל אן געהויבען עסען. נאכהער זיך לאנגזאם אויף געזעצט. אונטרדעסען האט דזיעק דעם אטאמאביל געבראכט. און געהאלפען איהם איינשטייגען. דאן איז ער אויך ארויף און ווייטער געפאהרען, ביז די בלומען האבען זיך געענדיגט. מאריץ איז ארונטער, און פאר זיינע אויגען איז א אנדער בילד געשטאנען:

לאנגע רייהעס פון ניסען, פאמעראנצען, און ציטרינען בוימער, האבען זיך געצויגען אין דער לענג פון גארטען. די וועגען פון ביידע זייטען פארקאן זענען אוים ווייסעס שיטערעס און קלארעס זאמד געוועזן. און אין מיטען צווישען די בוימער, איז א דורכזיכטיגעס קלארעס וואסער געשטאנען, ארונדעם א שעהנעס, אין וועלכען די זונען שטראהלען מיט זייער גאנצען פראכט האבען זיך שעמערידענדיג געבאדען; און די מארמארנע שטיגען ביז צום וואסער זענען מיט געבלומטען פליוש גע-דעקט געוועזן. הארט ביים וואסער זענען פיעל געדיכטע אלטע בוימער געשטאנען, פון וועלכע די צווייגען פיל פרוכטען האבען זיך נידריג איבער'ן וואסער געבויגען, און ווען ער האט זיך ווייטער צו געקוקט האט ער

בעמערקט אז פון דעם וואסער ציהט זיך א לאנגער קאנאהל, אין וועלכען גאלדפארביגע פיש, קלײנע און גרויסע האבען ארום שפאציערט שווימענדיג ביים ברעג, און מאלענדיג מיט די פיסקליך. די זונען שטראהלען האבען זיך דורך די בוימער אדורך געשטאכען צו די פיש, און אלעס אב געשפיגעלט מיט א גאלדענעם אבשײן. ער איז ארײן אין וואסער, און זיך אנידער געזעצט אויף די שטיגען, שפיעלענדיג זיך מיט די פיש וועלכע זענען ביי איהם געשווימען, נאכהער איז ער ארויף אויף א לאדקע, אדרוק געטהון ביים גאלדענעם רינגעל, און די לאדקע האט ווי א לבנה אויפ'ן וואסער ארום שפאצירט.

ער האט זיך אויף די לאדקע בריוח אויס געלעגט, און זיך פערטיעפט אין זײנע מאדנע מחשבות: פאהר איך יעצט אלזא אויף א לאדקע הײסט עס — הא? אויף א לאדקע? אין א וואסער? הא? צו וואס פאהר איך אויף די לאדקע? וואס הײסט צו וואס? איך פאר! וואס פאר ציעלען האבען די פיש אין וואסער? שוין טויזענדער יאהר, טויזענדער יאהרען בײסען זײ זיך און עסען זיך אויף אײנער דאס אנדערע, נאך מיט קײן האהר נישט געענדערט זײער נאטירליכען געזעץ... און וואס דרעה איך זיך דא ארום מיט א רחמנות פנים'ל און בעוויין און בעקלאג אלעס? צו וואס? צו וואס?... אלעס פיהרט זיך פארט אן א ציעל, און אן א צוועק... אזוי איז די נאטור אוועק געשטעלט געווארען, די זון געהט יעדען טאג אויף און אונטער; די וואסערען פליעסען און פליעסען אן א אבשטעל און אן א רוה; די פיש אין וואסער עסען זיך ווײטער אײנס ס'אנדערע; די קאץ יאגט ווײטער די מויז; די שפין פערפלאנטערט ווײטער די פליעג אום אוים צו זויגען איהר בלוט; ווידער טאג ווידער נאכט; ווידער קאלט און ווידער ווארעם, אלעס! אלעס פיהרט זיך שוין אזוי צעהנדליגער טויזענדער יאהרען אן א ענדערונג... אין אויך דער מענש איז א גלגל, א ראד וועלכעס דארף אימער און אימער לויפען אן א בהאלט, אימער געהן ווײטער און ווײטער... יא יא — אײנער שטארבט צעהן ווערען געבוירען... אזוי צעהנדליגער טויזענדער יאהרען... ווי פיעל חדשים—ווי פיעל וואכען—ווי פיעל טעג?—און די מענשען, חאטש זײ האבען זיך אוים געפײנערט און אוים געבעסערט;

חאָטש זײַ זענען דאָס העכסטע ערהאַבענסטע װעזען װאָס גאָט פֿערמאָגט; האָטש זײַ האָבען די װילדע װיסטע ערד פֿאַר אַ פּאַראַדיז געמאַכט; פֿונדעסטװעגען האָבען זײַ זיך קײנמאָל נישט אָב געשטעלט ... פֿונדעסטװעגען זענען זײַ פֿאָרט אַלעס װי פֿריהר, און דאָס ראָד דרעהט זיך װידער, און דאָס ראָד דרעהט זיך אָבער, און מען זעהט קײן צװעק, און מען הערט קײן תּכלית... און צעהנדליגער טױזענדער יאָהרען פֿערגעהן, און צעהנדליגער טױזענדער מענשען זיצען אױס געדאַרטע בלײַכע, און ברעכען זיך די מוחות אום צו געפֿינען עפּיס אַ התחלה אָדער אַ ענדע, און–בלײַבען קראַנק פֿאַר זױכעניש, און צובראָכען פֿאַר קלעמעניש, און געפֿינען גאָר נישט, און װײסען גאָר נישט, און שטאַרבען אַװעק מיט'ן חשבון אין האַנד... קומען װידער ברוך השם אַנדערע און קלערען װײַטער, און זאָגען װײַטער השערות, און שטאַרבען װײַטער ... און קײנער װײס נישט... דער סוד בלײַבט סוד... און אַזױ–שױן אַזױ פֿיעל טױזענדער יאָהרען, און אַזױ פֿיעל מיליאָנען מיליאַרדען מענשען! געװאַלד! װי פֿיעל מיליאַרדען מענשען זענען שױן דאָ געװען, אַרום געקריגט זיך, אַרום געהאַמפּערט, געזוכט, געגנישטערט, געליטען גרױסע צרות, און אַװעק מיט'ן װינד ... חאָ חאָ ... ס'איז צו לאַכען בנאמנות... יעצט איז פֿון די אַלע קײן זכר נישטאָ, קײן געדעכטעניש... און דאָס ראָד? דאָס ראָד דרעהט זיך אימער יאָגט זיך װײַטער, אײַלט זיך צו לױפֿען אימער פֿאָרט, און בלײַבט אימער שטעהן אױף דעם זעלבען װאַסערדיגען װעג... און מענשען װערען נישט מיעד, זײַ חשבון'ען װײַטער, טראַכטען װײַטער, און שטאַרבען װײַטער. און מען זעהט קײן צװעק, אין מען הערט קײן תּכלית———

אַ שטונדע צײַט איז ער אַזױ איבער'ן װאַסער געשװימען טראַבטענדיג דאָס אַלעס מיט צו געמאַכטע אױגען; און די לאָדקע איז זיך רוהיג געשװימען; נאָר פּלוצלונג האָט ער װי פֿון שלאָף ערװאַכט, איז צו געפֿאָהרען צום ברעג, זיך אַרױף געחאַפּט אױפֿ'ן אָטאָמאָביל, און אין אײניגע סעקונדען איז ער בײַ זיך אין הױז געװען.

אַ גרױסע הױכע שטוב, אַ גרינע פּליושענע פּאָדלאָגע, גרינע װענד,

א גריגעם זיידענעם סופיט, זאגאר די פענסטער שויבען זיינען גריגע געזוען. אין מיטען שטוב איז געשטאנען א גרויסער גאלדענער טיש, מיט די טייערסטע שטיינער אויס געזעצט. און אין דער זייט ביים פענסטער א גריגע מיט זייד־געדעקטע קאנאפע אויף וועלכע ער איז געלעגען שוין א שעהנע צייט אלס טראכטענדיג דאס פויהיגע פשט'ל, נאר יעצט זענען זיינע רעיונות אזוי צו דרעהט געוועזען, אז ער האט קיין זאך נישט געקענט אדורך קלערען, נאר איז געלעגען קוקענדיג אויפ'ן דום פון די שטוב, מיט א שווערען קאפ פון טויזענדער בילדער, און טראכטענדיג אליין נישט ווימענדיג וואס.

נאכהער האט ער זיך לאנגזאם אויף געהויבען, און איז אריין אין צווייטען צימער: די ווענט אויס רויט האלץ, ארום און ארום די שטוב זענען בוימער געשטאנען, וועלכע האבען פערהאפט דעם אטום מיט זייער געשמאק, אין דער הויך ארום די בוימער איז א דינגע גאלדענע דראט געצויגען געוועזען, און אין מיטען צווישען די צוויי גרויסע אפענע פענסטער איז געהאנגען זיין רויטע פיעדעל, ער האט פון א זילבערנע שאפע א פיער עקיגעס שטיק זילבער ארויס גענומען, אויף וועלכען ס'איז געווען אויס געקריצט א קאמפאזיציע, וואס ער אליין האט פערפאסט, און האט אן געהויבען שפיעלען.

ווען נאר די פיעדעל האט ארויס געגעבען די ערשטע צוויי טענער, האבען זיך אויף זיינע באקען טרערען געגלוטשט, און ער האט געפיהלט ווי אינוועהניג אין זיין הארץ, האט זיך אויפ'ם פריש עפים אב געריסען, און ס'איז אפרישער וואונד געווארען. און ביי דעם אלעם האט ער זיך נישט געפיהלט געפאלען ווי שטענדיג, אדרבה, ער האט זיך געפיהלט גרויס און מעכטיג. אין די טענער פון די פיעדעל האט זיך פראטעסטעס געהערט, שטורעמדיגע פראטעסטען, זיי האבען זיך געצויגען אזאלכע הארטע לאנגע, אזאלכע טרויעריג־משונה־שרעקליכע, וועלכע האבען זיין קערפער ווי אויף צוויי צער:סען. און אין זיין שפיעלען האט זיך געהערט אז ער טענה'ט מיט יעמאנדען, יעדער ציה מיט'ן סמוטשיק איבער די סטרונעס האט געוויזען דראהונג, און יעדער, אנגזאמער געשרעה—א צארענדיגער פראטעסט. דאן האט ער

פ׳וצלונג אין געהויבען לויפען מיט׳ן סמוטשיק איבער די סטרונעס אהין און צוריק אזוי שנעל, אזוי האסטיג; די פינגער פון דער לינקער האנד האבען זיך ווי שדים־ליך שנעל, געהויבען, געווארפען, געדריקט, און דער קלאנג פון יעדען טאן האט אין שטוב זיך ווי א עכא ארום געדרעהט.

באלד זענען א מאסע פערשידענע פייגעל זיך צו זאמען געקומען, האבען זיך בעזעצט אויף די גאלדענע שטאנגען; און מיט איין מאל ווי אב געשמיסט האבען זיי אן געהויבען זייער מוזיק. די טענער האבען אין דעם רום פון די שטוב ווי פיאלקעס זיך ארום געווארפען, א זיסע טיעף־פערבארגענע און פערגעניגענדע שוידערונג איז דורך זיינע ביינער אדורך געלאפען, פראכטפאל זיס און ערהאבען האבען זיי געזונגען, און זייערע קלאנגען האבען איהם אויסגעזעהן צו זיין נאך טרויעריגער ווי זיין פידעל שפיעלען, איהם האט זיך אויס געזעהן אז אט די אלע פייגעל, מיט אט דעם שפיעלען מאכען געוואלט איינוויעגען אלע און אלעם אין א זיסען רוהיגען שוויגען שלאף... און איהם האט זיך געדאכט אז ער שוועבט ארום צווישען הימעל און ערד אין דער לופטען, אין דער לופטען... און פאר מתיקות האט זיך איהם געוואלט שטארבען אונטער זייערע קלאנגען; ער האט אין דעם מאמענט פערגעסען אז ער איז א מענש אויס בלוט און פלייש, אויס הויט און שטיקלעך ביינער, וואס ווערט א מאל אן הויבען וועלקען. ניין – איהם האט זיך אויס געזעהן צו זיין א גייסטיגעס וועזען, און אז ער שוועבט ארום אזוי אויף שטענדיג, אויף עוויג. זיין הארץ איז לייכטער געווארען; זיין נשמה האט זיך ערברייטערט; און פאר גוטקייט, פאר ווייכקייט, האבען פון זיינע טריבע אויגען אן געהויבען טרערען רינען; ער האט געפיהלט אז זיין הארץ ווייקט זיך אין בוים עהל, און האט גערעכענט אז די טרערען וועלען גאנצלעך אב וואשען די שווארצע פלעקען פון זיין צעריסען הארץ; ער האט אבער א טעות געהאט – אנשטאט די טרערען האבען זיין הארץ געזאלט לייכטער מאכען, האבען זיי דארויף אן געלאדענע פורינגע שטיינער. און ער האט געשריגען צו זיך אליין

אז ער הערט נאָר אומגליק, פערצווייפלונג ... זאָגאַר די לופט איז אומגליקליך, און איהם האָט זיך געוואָלט שטאַרק מוט אומפּעט אַפּליה טהון אין דער הויך איבער די וואָלקענס, איבער די שטערען, און פערשווינדען, פערשווינדען צווישען די לופט.

הערט — אויף — צו — זינגען, איהר צו רייסט מיך! האָט ער געברומט גלאָצענדיג צו די פייגעל, דאַן האָט ער אַ מאַך געטהון מיט'ן סמוטשיק אַראָב, איבער רייסענדיג האַסטיג זיין שפּיעלען, און אַלע פייגעל זענען מיט אַמאָל אַוועק געפלויגען. ווידער איינזאַם איז ער געבליבען, ווידער האָבען איהם שווערע געדאַנקען אָן געהויבען פּלאָגען, און ער האָט רוהען נישט געקענט. ער איז אַריין אין די צווייטע שטוב גענומען פּאַרבען, מיט עטליכע פּענזעל און אויף געמאָהלט אַבילד: אַגרויסען בלומען גאָרטען, מיט אַלערהאַנד בלומען, און איין מענש דרעהט זיך צווישען זיי אַרום און קלאָגט, מחמת ער זעהט זיי אָן הויבען וועלקען. אַ גאַנצע שטונדע האָט דאָס מאָהלען געדויערט, און ווען ער האָט זיך געשטעלט דאָס בילד בעטראַכטען, האָט עס איהם אַצוק געטהון ביים האַרצען זעהענדיג ווי עס שטעהט אַ אַלטער מאַן מיט פערלעגטע הענד און בעקלאָגט זיינע בלומען, און ער האָט פון דער אָריגינאַליטעט זיך אָב רייסען נישט געקענט.

פון די אַרבייט, ביים מאָהלען, מחמת דעם אָן שטרענגען זיך דערביי, איז איהם הייס געוואָרען, און ער האָט זיך אַראָב געלאָזט צום גאָרטען גלייך אין וואַסער אַריין.

ווי נאָר ער איז אַריין אין וואַסער, האָט אַ דינינקע צערטליכע קלאָרע שטימע זיינע אויערען פערטויבט, ער איז געוואָרען פערכישוף'ט, און ווי אין אַ צויבער־נעץ איז זיין גאַנצעס וועזען געפאַנגען געוואָרען.

די שטומע איז אַזאַ הויכע נישט געווען, און דאָך האָט ער זי אַזוי הויך געהערט, און אַזוי שעהן!

ער האָט זיך אַנידער געזעצט; דזיעק האָט אויך פערשטאַנען רוהיג צו זיצען; און ער האָט זיך אויפמערקזאַם צו געהערט דאָס ליעד וועלכעס איז אַזוי צויבעריש און ליריש פון צווייטען גאָרטען געקומען:

און עס וועלקען... וועלקען בלומען...
קאַלט און שטאַר, שטעהט די ערד;
פון די ערד, אַלע קערפּער.
שבועות האָבען זיך בעשוועהרט:
ניט צו בליהען, ניט צו וואַקסען,
ניט קיין לאַכען, ניט געוויין...
טויט געשטאָרבען, אַלעס אַלעס ———
האַרט אויפגיהלענד ווי אַ שטיין.
וועלדער גרויסע, פול די ערד,
בוימער — דערנער — איבעראַל!
שוואַרץ פער'חושך'ט, פוסט און וויסט,
ס'קומט ניט צו קיין זונען שטראַהל...
און די זון געהט אויף, געהט אונטער.
ס'פייפען ווינדען, ס'רוישען שטומען,
טרויעריג וויינט דער אַלטער גערטנער:
זיינע קינדער! זיינע בלומען!

ער איז אַרויס פון וואַסער, זיך געזעצט אויף די שטיינער, און האָט אַבסאָליוט פערגעסען ווי ער איז; דאָס זינגען האָט אידם צו־שרויפט און אַוועק געטראָגען ערגיץ וויט אין דער וועלט אריין ——— און ער האָט זיך ווייטער צו געהערט צו די ווערטער וועלכע האָבען פאַר איהם ווי דורך אַנעבעל ערשיינט:

צייטען לאַנגע, אַלטע שווערע,
האָט ער וואַקסען זיי געזעהן;
ביים ערוואַקסען דאָך געפרעהט־זיך,
און געטרויערט ביים פערגעהן,
יעדעס מאָהל האָט ער געטרייסט זיך:
איינס פערגעהט אַ צווייטעס קומט,
יעצט איז אַלעס ש'ין פערלויערען ———
קלאָגט דער אַלטער וויינט און ברומט.

מיין בילד... מיין בילד... וועלכעס - איך־האָב — געמאָהלען—האָט

ער געמורמעלט – בלומען וועלקען ... געהיימע ווערטער ...
אה! ווי שווער מיר איז ... ווי שווער ...

זאי צופרידען אלטער טאטע –
האט די שטימע זיך ווייטער געהערט, א וויינענדע א בעטענדע.
זעהסט דאך טרערען יעצט נים מעהר ...
געה דו אויך אוועק אויף עוויג!
לאז די ערד שוין בלייבען לעהר! ...

ענגעל פון הימעל! זינג נאך א מאל דיינע עטליכע ווערטער... דיינע לעצטע ווערטער – האט ער געבעטען, און איהם האט זיך געדאכט אז די וועלט איז שוין לאנג צו א תוהו ובהו צוריק געגאנגען, נאר איינער א שוטה איז געבליבען, און דער וויינט און בעקלאגט די אלע וואס זענען נישטא – חא חא חא – מען קען בלייבען טויט פאר געלעכטער – וויינט נעבעך, און בעדויערט נעבעך די, וועלכע זענען שוין נישטא, א שוטה! מאכט מאריץ דאס געוויין דער יעניגער, מאכט ער ארום געלאפען ווי א יונגע ציג, געשפרינגען, געטאנצט און טריאומפירט ... מיט שטאלץ מאכט ער ארום געגאנגען: אט אזוי, אט אזוי, מיר זענען מענשען! א נקמה אין כביכול ... יא יא, מענשען הייסען נאר דיזע וועלכע קענען מנצח זיין די נאטור; א מענש מוז זיין שטארקער פון די נאטור; און די וועלכע קענען די נאטור נישט בעהערשען שטעהן גאר נישט העכער פון מיין דזיעק ... יא יא.

דאן האט ער ערזעהן אז די אלעביימער ארום וואסער זענען פול מיט פייגעל בעזעצט, און פלוצלינג האט ער א ציטער געטהון: די אלע פייגעל האבען אן געהויבען זינגען:

זאי צופרידען אלטער טא – א – טע,
זעהסט דאך טרערען יעצט נים מעהר ...
געה די אויך אוועק – אויף – עוויג!
לאז די ערד שוין בלייבען לעהר!

ער איז אום געפאלען אויף איינע פון די שטיינער. זייענדיג אין גאנצען פערשכור'ט און בערוישט פון דעם זינגען וועלכעס האט נאך יעצט אין זיינע אויערען ווי טויזענד גלאקען געקלינגען. ער האט

זיך געפּיהלט שוואך, דאָס זיך ריהרען פון אָרט נישט געקענט, און זיינע ליפּען האָבען זיך מעכאַניש בעוואָהגען און אונפערשטענדליך געפּליסטערט: טרויעריג וויינט דער אַלטער גערטנער... זאי צופרידען אַלטער פאָטער... בלומען — וועלקען — בלומען —

ער האָט געקנייטשט און געצויגען מיט'ן שטערען וועלענדיג צוריק געפינען די פערלויערענע געדאַנקען. ער האָט זיך געפּרובט אויף זעצען, נאָר זיין גאַנצער קערפּער איז ווי פּאַראַליזירט געווען, ער האָט זיך ריהרען פון אָרט נישט געקענט, און די ווערטער וועלכע ער האָט ערשט געהערט האָבען זיך מעשה שטן צו איהם צו געקלעפּט, און מיט געוואַלד געפּלוידערט: טויט געשטאָרבען אַלעס אַלעס... זאי צופרידען אַלטער טאַטע...

דזיע — יע — עק — גיב מיר — מיין — שטעקען... מיין — שטעקען...האָט ער קוים גערעדט.

דזיעק האָט איהם זיין שטעקען אין האַנד אריין געלעגט; מאָריץ האָט ביים קאָפּ פון שטעקען אַ דרוק געטהון, און אויגענבליקליך האָט דאָס מעדיל פון צווייטען גאָרטען ערשיינט, צו לויפענדיג ערשראָקען צו איהם, וואָס איז דיר? וואָס איז דיר? זי האָט איהם געהאָלפען אויף זעצען, און דאָס וויכטיגקייט פון איהר האָט ביי איהם טרערען אַרויס גערופען, ער האָט געשעפּטשעט: דיין זינגען... דיין זינגען האָט מיך שוואך געמאַכט... איך האָב קיין כח געהאַט אַזאָלכעס צו הערען אום עס זאָל מיך נישט פערוואונדען... זאי צופרידען אַלטער פאָטער... זעהסט דאָך טרערען יעצט נישט מעהר... מיינע געדאַנקען, מיינע טריבע מחשבות האָט דיין ליעד מיך עראינערט...

נאַכהער האָט ער זיך עטוואָס לייכטער געפּיהלט, האָט געלעגט זיין קאָפּ אויף איהר שויס, בעטראַכטענדיג איהר גאַנצען קערפּער: ווי שנעה ווייס איז איהר קערפּער געווען, און יעדער שטריך פון איהר קריסטאַל קלאָרעס לייב האָט עדות געזאָגט אַז דאָס איז די העכסטע שטופע פון מענשליכע ערדעלקייט. זי איז געזעסען בעוועגונגסלאָז, מורא האָבענדיג אַז מיט איהר בעוועגונג זאָל זי איהם נישט

וועה טהון.

אָה, אָה! ... דו בּיזט אַ געטליכעס וועזען ... ווי הייסטו? האָט מאָריץ קייכענדיג גערעדט.

געטליכעס וועזען בּיזט דו ... איך הייס פּראַניאַ ... זאַי רוהיג ...

אָה ניין ... פּראַניאַ ... פּראַניאַ ... פּראַניאַ ... האָט ער געמורמעלט פערלוירען.

פון דעם טאָהן וואָס זי האָט מיט איהם גערעדט, און פון דעם איבּערגעבּענהייט, איז ער געבּליבּען אויסער זיך. נאָר רוהיג ... מאָריץ נאָר רוהיג ... אַ גרויסע צוקונפט ערוואַרטעט דיך ...

פּראַניאַ ... פּראַ — אַ — ניאַ ... ערקלער מיר — ערקלער מיר, זעה פּראַניאַ ... זאָג —

אין איינינגע טעג אַרום וועט דיר אַלעס קלאָר ווערען.

מאָריץ איז געבּליבּען איבּערראַשט, פערשטעהנדיג אַז דאָס בּעדייטעט עפּיס נייעס; ער האָט אָבער אויך פערשטאַנען קיין פראַגען מעהר צו שטעלען, און האָט גּעפּרובּט דורך אַ אַנדערע ווענדונג ענטפּער בּעקומען:

וואָס איז דאָס פאַר אַ ליעד וואָס דו האָסט געזינגען? געה דו אויך אַוועק אויף עוויג ...

און עטליכע טעג אַ רום.

אַ בּילד האָבּ איך אויף געמאָהלט — האָט ער ווייטער געפּ־ליעסטערט — הערסט פּראַניאַ? אַ בּילד וועלכעס וועט אַ בּיסעל ענליך זיין צו דיין ליעד — צו דיין —

קענסט שווימען? האָט זי איהם געפרעגט, איבּערהאַקענדיג זיין רעדען.

ער האָט פערשטאַנען אַז זי וויל דאָס געשפּרעך גאַנצליך איבּער־רייסען, און ער האָט זיך געלאָזט שווימען, בּעטענדיג זי זאָל איהם שווימענדיג נאָך יאָגען, זי האָט איהם גלייך עריאָגט, דאַן האָבּען זיך בּיידע בּיי די הענד אָן גענומען, און ווי זשאַבּעס זענען זיי זיך רוהיג געשווימען. ווען זיי האָבּען זיך געפּיהלט עטוואָס ערמיעדעט, האָט מאָריץ גערופען די'עק'ן ער זאָל די לאָדקע בּרענגען, דזיעק

האָט שנעל אין די לאָדקע אַ שפּרינג געטהון, אַ ציה געטהון בײַ די לינקע רעדיל, און די לאָדקע איז געשווימען שנעל צו זײַ. בײדע זענען אַרויף אָן געצויגען די לאָדקע, זי זאָל מיט זײַ שפּאַצירען.

איך האָב שוין אַ לאַנגע צײַט קײן וואָרט נײַעס נישט געהערט — האָט מאָריץ געזאָגט בעטריבט — די לעצטע צײַט בין איך אום מענש געוואָרען, דער קאָפּ, דער קאָפּ ... עס האָט זיך מיר אָן געפּאַקט אַ קאָפּ מיט אויסער געוועהנליכע פֿאַנטאַזיעס ... שרעקליך ... איך ווײס נישט הם ... ווי דאָס לעבען פֿאָרט צו זעצען ...

דאַן האָט ער די לאָדקע צום ברעג צו געצויגען, מיט׳ן שטעקען אַ ציה געטהון בײַ אַ גרויסע גאָלדענע רינג, וועלכע איז אין אײנעם פֿון די בוימער פֿערלעגט געווען, און אַ הויכע דיקע שטימע האָט זיך ערהערט:

דער בעוואוסטער היסטאָריקער און נאָכפֿאָרשער עדואַרד שטערן איז אַראָב פֿון זינען מחמת ער האָט געפֿינען שריפֿטען פֿון טויזענד יאָהר צוריק, וועלכע בעווײַזען דײַטליך אַז דאַמאָלס האָבען מענשען געקוילעט לעבעדיגע בעשעפֿענישען און געגעסען. און — בעמערקט די טעלעפֿאָן=צײַטונג — האַטש ביז יעצט האָבען פֿיעל אָן גענומען אַלעס וואָס עדואַרד שטערן האָט ערקלעהרט פֿאַר לעגענדעס וואָס אַ קראַנקער גײַסט קלערט אויס, ווערען מיר אָבער ערשטוינט פֿון די פֿאַקטישע בעווײַזען וואָס ער האָט יעצט געבראַכט, און מיר לאָזען טרויעריג אונזערע קעפּ זינקען, אַז מיר זענען קינדער פֿון אַ זאָלכע עלטערען.

יאָ יאָ — האָט מאָריץ געברומט — אַוועלט ... אַוועלט ... די וועלט שטעהט נישט פֿון הײַנט ... ווי פֿיעל נידערטרעכטיגע מעשים זענען שוין דאָ געוואָרען אָב געטהון ... עס עקעלט, עס עקעלט —

איך ווידער — האָט פֿראַניאַ געזאָגט — קוק גאַנץ וועניג אויף די בעמערקונג פֿון די צײַטונג. ווײַל שטערן איז בעוואוסט מיט זײַנע שוידערהאַפֿטע נאַרישע לעגענדעס. ער האָט אַמאָל געפּרובט בעווײַזען אַז מיט צײַטען=צוריק האָבען מענשען גערעדט אויף פֿערשידענע שפּראַכען, וועלכער מח קען דאָס פֿערשטעהן? איבערהויפּט, איז דען מעגליך

אז מענשען זאָלען עסען דאָס — וואָס זיי אַליין זענען. מיך וואונדערט פאַר וואָס די צייטונג פלוידערט נאָך אַזאָלכע עקעלהאַפטע זאַכען, וועלכע האָבען בשום אופן נישט געקענט פאַר קומען. ווייסט וואָס נאָך? ער בעמיהט זיך צו בעווייזען אז מענשען זענען אַמאָל אין פערשידענע קאַטעגאָריעס געטיילט געווען, יעדע קאַטעגאָריע האָט געהאַט אַ בעזונדערע שפּראַכע, בעזונדערע מנהגים, און געהאַט זייער אַב געטיילטעס שטיק לאַנד. און ווען חס ושלום איין קאַטעגאָריע האָט געוואָלט אַז אַ שטיק פון די צווייטעס זאָל אַריבער געהן צו איהר, האָבען זיך ביידע קאַטעגאָריעס אָן געהויבען שלאָגען ביז הונדערטער מענשען זענען טויט געפאַלען. צו דעם איז געווען איינגעאָרדענט, אַז יעדע קאַטעגאָריע האָט געהאַט געוועהר, ס'זענען געווען ביקסען, מיט וועלכע מען האָט אַוועק געשטעלט אַ פּאָהר טויזענד מאַן זיי זאָלען שיסען די אַנדערע. ס'איז געווען מאַשינעריע וועלכע האָבען שנעלער און בעסער געטויט ווי איינצעלנע ביקסען.

וואָס? טויט־מאַשינען? חאַ חאַ חאַ... פּיקסען —

נישט פּיקסען, נאָר ביקסען, און אַ חוץ דעם האָבען זיי זיך בעת די קריעג בענוצט מיט פערשיעדענע הוטרע מיטלען, למשל מען האָט אַרויף געגאַרט איין קאַטעגאָריע, דאָס הייסט די מענשען וועלכע זענען זיך געגאַנגען קריעגען, אויף אַ גרויסע בריק, די בריק איז פון פריער נאָך געמינעוועט געווען מיט אויפרייס מאַטעריאַלען, און ווי פיעל עס זענען אויף'ן בריק געווען זענען צעריסען געוואָרען און אַריין געפאַלען אין וואַסער אַריין. יעצט וואַרט, וועסט נאָך הערען אַלטע מעשות: וועסטו זיך חאַפּש אַ ביסעל אויס לאַכען — צווישען די אַלע קאַטעגאָריעס, האָט זיך געפונען איין קאַטעגאָריע, ישראל האָבען זיי זיך גערופען, דאָס זענען געווען די קליגסטע, די עדעלסטע, און די שענסטע, און מחמת גרויס קנאה, האָבען די אַנדערע זיי אַרויס געטריבען פון זייער טעריטאָריע, און מען האָט זיי געיאָגט און געפּייניגט. אָט דאָס זענען זיינע ערפינדונגען.

און דער איז אַראָב פון זינען? האָט מאָריץ געשפּאַסט.

מיר שיינט אַז ער איז ביים פולען פערשטאַנד קיינמאָל נישט

געװען — האָט פֿראַניאַ צו געזעצט — אַ קלאָרען פֿערשטאַנד קען דאָס נישט איינפֿאַלען.

מאָריץ האָט נאָך אַמאָל בײַ די רינג אַ ציה געטהון, און די זעלבע שטימע האָט זיך װײַטער געהערט:

װי עס איז בעװאוסט איז אַ מענש אין לעטאַרגישען שלאָף שוין זיבען הונדערט יאָהר געלעגען, דאָס הײַסט, ער איז אײַנגעשלאָפֿען דרײַ הונדערט יאָהר פֿאַר די נײַע צײַט רעכנונג, דאָס איז אײנס פֿון אַלע גרעסטע װאונדער; און אַט דער מענש איז הײַנט אויף געקומען, און ער ערצעהלט אַזעלכע זאַכען װעלכע מאַכען אונז שטוינען. דער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען נישט צו פֿערעפֿענטליכען זײַנע ערצעהלונגען, װײַל מען האָט מורא פֿאַר זעלבסט מאָרדען.

געהן מיר אַהין? האָט פֿראַניאַ געפֿרעגט מאָריצ'ן לעבהאַפֿט, אַרונטער שפּרינגענדיג פֿון די לאָדקע.

װער װײס אויב מען װעט אונז ערלויבען אַרײַן צו געהן — די הערסט דאָך: דער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען נישט צו פֿערעפֿענטליכען זײַנע ערצעהלונגען.

איך רעכען אַז דורך דיר װעט מען אויך מיר ערלויבען אַרײַן צו געהן.

װאָרום דורך מיר?

אין אײַניגע טעג אַרום װעסטו עס װיסען.

אין אַ גרויסע העלע שטוב אויף אַ קאַנאַפּע איז געלעגען אַ מענש; זײַן געזיכט מיט אַ געדיכטע שװאַרץ־גראָהע באָרד בעװאַקסען. צװײ יונגע לײַט זענען בײַ איהם געזעסען, אײנער האָט געהאַלטען זײַן פּולס אין האַנד, דער צװײטער אַ פֿלעשעלע מיט אַ גרינליכעם װאַסער מיט װעלכען ער האָט אַלע װײַלע דעם אַלטען בעשפּריצט.

װען מאָריץ מיט פֿראַניאַ'ן זענען אַרײַן געקומען האָבען זיך די צװײ יונגע לײַט אויף געשטעלט צום אַװעק געהן, און די אָנגעקומענע האָבען געזאָלט די שטעל פֿערנעהמען, נאָר מאָריץ'ס האַרץ האָט אַזױ

שטאַרק געקלאַפּט, און אַזוי איבערראַשט איז ער פון די בריאה געוואָרען אז ער איז אין מיטען שטוב ווי אַפּערליימטער שטעהן געבליבען, און האָט גאָר נישט בעמערקט ווי זיי זענען אַוועק געגאַנגען.

לאַנג זענען זיי געזעסען נישט אוים רעדענדיג קיין וואָרט נאָר, קוקענדיג פערטראַכט צום אַלטען. פּלוצלונג האָט דער מענש זיינע אויגען געעפענט, מיט אומפּעט זיך אויף געזעצט, קוקענדיג ווילד אויף די מענשען, און אויסגעבראָכען אַ געוויין.

פראַניאַ זעהענדיג דעם אַלטען וויינען, האָט אויך געוויינט, נאָר מאָריץ איז געזעסען מיט געשטאַרטע אויגען נישט וואוסענדיג וואָס דאָ איז פאָר געקומען.

וואָס וויינסטו אַלטער? האָט מאָריץ מיט איינגעהאַלטענע טרערען איהם געפרעגט.

יענער האָט געענטפערט אייניגע אונפערשטענדליכע ווערטער, וועלכע זיי האָבען נישט פערשטאַנען.

וואָס איז — דיר? פיליכט דאַרפען מיר עפּים טהון פאַר דיר.

אָה! ... העבּרעאיש ... העבּרעאיש ... העבּרעאיש ... פאַר גליק, פאַר גליק ... אַ שווערע פערגאַנגענהייט ... דער קאָפּ ... פויהר האָב איך ערשט אויף די זעלבע שפּראַכע גערעדט, און יעצט האָב איך שוין ווידער פערגעסען. העבּרעאיש ... העבּרעאיש ...

אַ לאַנגע פויזע האָט איינגעטרעטען; אַלע האָבען געוויינט, און אַ מעלאַנכאָלישע שטילקייט האָט געהערשט. דאַן האָט דער אַלטער אָן געהויבען ערצעהלען:

כ'האָב געלעבט אין צוויי און צוואַנציגסטען יאָהר=הונדערט — איך האָב זאָגאַר שוין היינט דאָס ערצעהלט, איך פיהל אָבער אַ גרוים פערגעניגען וואָס מעהר צו ערצעהלען, ווייל איך מאַך געוואָלט איהר זאָלט פערשטעהן ווי גליקליך איהר זענט.

אין די לעצטע דריי יאָהר פאַר מיין איינשלאָפען איז פאָר געקומען אַ אַלוועלטליכע מלחמה. די זאַך איז געווען אַזוי: מענשען זענען פריי געווען, דאָס שוואַרצע טוך רעליגיע האָט מעהר נישט געקענט בעפרידינגען זיי, דאַרום זענען זיי געבליבען אָן שום ציעל.

דאָס אונצופֿרידענהייט האָט געשטיגען מיט יעדע שעה, און די דאַמאָלסדיגע דיפּלאָמאַטען האָבען זיך זעהר געשראָקען פֿאַר די צו־קונפֿט, בעזונדערס, ווען עס זענען פאָר געקומען די מלחמות פֿון איטיגע רעגירונגער.

וואָס הייסט מלחמות פון רעגירונגער? האָט פֿראַניאַ געפֿרעגט.

די וועלט — די מענשען, זענען געווען געטיילט אין טיילען; יעדער טייל האָט געהאַט איהר שטיק ערד, איהר שפּראַכע, איהר אויבערהאַר, און איין טייל האָט שטענדיג אַרוים געקוקט אויף די מפּלה פון די צווייטע, און האָבען זיך שטענדיג אַרום געראַנגען. נאָר אַזוי לאַנג ווי עס האָבען זיך געהרגעט איין טייל מיט די צווייטע האָבען אַלע כמעט געשוויגען. די לעצטע צייט אָבער האָט זיך אָן געהויבען אַ מלחמה, אַ פערביטערטער קריעג צווישען גאַנצען כלל מענשען: סאָציאַליסטען האָבען פערלאַנגט איין צו פיהרען סאָציאַלע אָרדנונג, דאַן האָט זיך די מאַסע אָן געהויבען שפּאַלטען אויף טויזענדער; סאָציאַליס־טען האָבען זיך געשלאָגען מיט אַנאַרכיסטען, פעסעמיסטען, מיט אָפּטימיסטען, וועגעטאַרניאַנער מיט פֿלייש־עסערם, און —

ענטשולדיג — האָט מאָריץ איהם איבערהאַקט — האָבען מענשען אין די ווירקליכקייט פֿלייש געגעסען? ס'איז נישט איבער טריבען?

יאָ יאָ, די מענשען האָבען געגעסען פֿלייש, דאָס הייסט, די מעהרהייט האָט געגעסען, און זאָגאַר נישט געגלויבט אַז מען קען זיך דעראָן בעגעהן. זאָגאַר איך האָב אויך פֿלייש געגעסען, ביז כ'בין אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר, דאַן האָב איך אָן געהויבען פערשטעהן אַז דאָס איז געגען די מענשליכע מאָראַל, און איך האָב קיין פֿלייש מעהר נישט געגעסען. פונדעסטוועגען האָבען זיך געפונען זיבענציג פּראָצענט מענשען וועלכע האָבען דערפון לצנות געמאַכט. די ברואים וועלכע מען האָט געגעסען זענען דאַמאָלס געווען פיעל, דאַמאָלס זענען געווען אַזאָלכע בעשעפענישען וועלכע מען האָט גערופֿען חזירים, שעפּסען, גענז, און נאָך פיעל אַזאָלכע זאַכען וועלכע מענשען האָבען געגעסען. נאָר ווי מען האָט מיר פֿויהר ערקלערט, זענען די אַלע וועלכע איך האָב אוים גערעכענט, און נאָך פיעל אַנדערע אויסגעשטאָרבען.

האַ? נישט בעדאַרפט זיי, נישט אומגעקוקט זיך אויף זיי, און אויס־געשטאָרבען באַלד — ווי האָב איך געהאַלטען? יאָ פּלוצלונג, צווישען די גאַנצע אַנדרלומוסיאַ האָבען זיך געגרונדעט אַ אַנדערע חברה מיט אַ שרעקליכען פּראָגראַם, זיי האָבען געהאַט איין אויפגאַבע: הרג'ענען מענשען אָן אינטערשיעד, און וואָס מעהר. די גאַנצע וועלט האָט זיך ערשראָקען, צווישען אַלע טיילען איז געוואָרען אַ מהומה, די געלעהרטע, די רעגירונגער האָבען אָן גענומען אַלע מיטלען, עס איז אָבער געווען אָן ערפאָלג. ערשט אַז דאָס פּובליקום מיט די פּרעסע און אַלע געלעהרטע אָן דער שפּיץ האָבען אָן געהויבען קעמפּפען געגען זיי, איז עס אַביסעל שטילער געוואָרען. דאָך האָט עס אין גאַנצען נישט אויף געהערט.

מען האָט דייטליך געקענט פויהר אויס זעהן, צו וואָס דאָס קען פיהרען. מען האָט געזעהן אַז נאָך אין עטליכע יאָהרען אַרום וועט ווערען אַזאַ הפקרות, אַז וואָס איינעם וועט זיך פערגלוסטען וועט ער טהון; מען האָט געזעהן אַז עפּיס אונגעוועהנליכעס וועט פּאַסירען. די גאַנצע מענשהייט איז געשטאַנען ווי אַבוים אונטער אַ גרויסען שטורם ווינד, וועלכער וואַרפט די צווייגען אַ מאָל אין דער זייט, אַ מאָל אין דער זייט. די אַלע לענדער האָבען זיך דאַן פעראייניגט און מיט איין האַנד זיך גענומען צור בילדונג, מען האָט אָן געהויבען איין פיהרען אַ וועלט־שפּראַכע, און איך אַלס געלעהרטער האָב די שפּראַכע ערלע־רענט. איך האָב אויך ערלערענט די העברעאישע שפּראַכע, ווייל נאָך מיין חשבון איז אויס געקומען אַז אין אַ צייט אַרום, ווען די אַלע פעלקער וועלען איינזעהן דעם ביטערען טעות, אַז אומזיסט, און נאָר פאַר פינסטערעס אונוויסענהייט האָבען זיי געיאָגט דאָס פאָלק ישראל, און אום צו וועלען אויסבעסערען דעם פערפאַלענעם פעהלער, וועט די גאַנצע וועלט אָן נעהמען אַלס פערגיטיגונג די העברעאישע שפּראַכע, און דאָס איז מיין מזל, זאָנסט וואָלט איך זיך מיט אייך נישט געקענט אַ דורך רעדען. איך, דאַמאָלס אַלס אָנגעזעהנער געלעהרטער האָב אַרויס געגעבען אַ בראָשורע געגען די קאָנסערוואַטאָרען, דערפאַר האָבען מיך די דאַמאָלדיגע געלעהרטע פון וועלכע פיעל זענען געווען שאַרפע

דרעַקציאָנערען מיךְ געמאַכט צור שפּאָט אונד שאַנדע. דאַן בין איךְ אַרוים מיט אַ רעדע פאַר פינף הונדערט געלעהרטע. צום שלום האָב איךְ זיךְ געוואונשען איינצושלאָפען אויף אַ פאָר הונדערט יאָהר, נאָכהער אויף קומען. דאַן געדענק איךְ זענען צווישען די פערזאַמעלטע אַריין געקומען פּאָליציי און מען האָט מיךְ אַרעסטירט. וואָס ווייטער איז געשעהן געדענק איךְ נישט, נאָר ווי איךְ זעה, איז מיין וואונש ערפילט געוואָרען.

אָבער צו וואָס האָבען געטויגט די אַלע קאַטעגאָריעס מיט פערשידענע סיסטעמען, עס האָט דאָךְ אַלעס געקענט זיין אונטער איין אָרדנונג, אונטער איין סיסטעם? האָט מאָריץ געפרעגט:

אַזוי האָט עס זיךְ טויזענדער יאָהרען געפיהרט, און די מענשען האָבען בעהויפּטעט אַז אַנדערש קען די וועלט נישט עקזיסטירען בעזונדער איז זעהר שווער געווען דאָס איינגעפיהרטע אָב צו שאַפען, ווייל דער יעניגער איז האַרט בעשטראָפט געוואָרען, און עס האָט זיךְ שוין אַזוי זעלבסט געפיהרט, זענענדיג איינע געשלאָסען אין צווייטען. יאָ יאָ —

און וואָס איז געוואָרען פון די קאַטעגאָריע ישראל? האָט מאָריץ ווייטער געפרעגט.

ישראל, דאָס זענען געווען די עדעלסטע, די קלוגסטע, די פעהיגסטע מענשען, און מחמת קנאה האָבען די אַנדערע קאַטעגאָריעס זיי געהאַסט. די ישראל האָבען קיין אייגענע טעריטאָריע נישט געהאַט — אויךְ מחמת דעם ערשטען טעם — נאָר זיי האָבען זיךְ, אַרום געוואָרפען פערוואָגעלטע צעבראָכענע, נע ונד צווישען די אַנדערע, די לעצטע האָבען זיי געיאָגט, יעדער האָט זיי געטריבען פון איין אָרט צום צווייטען. אין מיינע צייטען איז זיי שוין פיעל בעסער געווען, פריהער האָט מען זיי געמאָרדעט גערויבט, געבּרענט, און זיי מיט צו נויף געפרעסטע צייהנער האָבען געדולדיג אַלעס איבערטראָגען, זיי האָבען געליטען אַלע יסורים וואָס מען קען זיךְ נאָר פאָר שטעלען. זיי זענען אָבער געווען מאַכטלאָז און האָבען געשוויגען. זיי האָבען אַפילו אויךְ געפּרובט קריגען אַ טעריטאָריע, נאָר ווען זיי זענען שוין באַלד פערטיג געווען

איז געקומען א דריטע פעראינטערסירטע קאטעגאריע און האט אלעס צערשטערט. דאן ווען ס'האט זיך געמאכט די גרויסע וועלט רעוואלוציע האבען זיי קיין גרויסען אנטהייל נישט גענומען, דערפאר זענען זיי פוןביידע זייטען געוועזען אין פלען. גאר אויפ'ס=ניי האט מען זיי אן געהויבען פייניגען, זיי אבער זעהענדיג אז עס פלאקערט אויף אנייע שנאה צו זיי, און פערשטעהענדיג אז מיט די אלטע דרכים וועלען זיי גאר נישט אויס פיהרען, האבען זיי זיך מיט איין מאל — שוין אין מיינע צייטען — ווי פון א לאנגען שלאף אויף געחאפט, און איך געדענק נאך אז זיי זענען ווי פון אונטער די ערד אויסגעוואקסען מיט איין מאל מיט אזא קראפט — אלטע צושויבערטע מענשען, אלטע געבראכענע פרויען, יונגע לייט מיט מעדליך — אלע האבען זיך געווארפען, ווער אויף פערד, ווער אויף אטאמאבילען, ווער אויף די פוס, ווער פון די דעכער, ווער פון די קעלערס; מיט פערשידענע געוועהר אין די הענד, האבען זיי א שרעקליכע מלחמה געגען די מערדער אן געהויבען. איך בין געשטאנען אויף א באלקאן ביי מיין פריינד און געזעהן ווי א יונגעל האט געיאגט דריי גרויסע און אלע גע'הרג'עט. א מעדיל פון איהר אכטצעהן איז געריטען אויף א פערד צווישען די מאסע פון הונדערטער און גע'הרג'עט פון ביידע זייטען, דאן געדענק איך האט די שארף פון א שווערד איהר קאפ געשפאלטען, און נאך מיט די לעצטע כחות איז זי געריטען צעטרעטענדיג און שלאגענדיג. דאן איז זי פון פערד אראב געפאלען, און ווען זי איז שוין אויף די ערד געלעגען האט זי נאך געשאסען אין די מאסע, ביז זי איז טויט געבליבען. קיין איינציג ווארט האט זיך פון איהר מויל דורך די גאנצע צייט נישט געהערט; זי האט נישט גערופען הילף, נאר אזוי ווי א שליח פון גאט, ווי א געטין דער ראכע, איז זי געריטען מיט'ן פערד אויף די מענשען שיסענדיג פון ביידע זייטען, מיט ביידע הענד; צווישען פייער און רויך האט זי ווי א גייסט געשוועבט, און מענשען זענען פון ביידע זייטען געפאלען; הונדערטער טויזענדער מענשען זענען דאן געפאלען און איך זאג אז נישט דער קראפט און דער מוטה האט געטייטעט, נאר דער כעס, די פערצווייפלונג, די טיעף איינגעווארצעלטע יסורים

די צובלוטיגטע הערצער. און פון די ישראל זענען אַ פֿיערטעל אום געקומען. אָט דאַמאָלס האָבען זיך אַלע ערשראָקען, די גאַנצע וועלט האָט אַ ציטער געטהון, זעהענדיג זייער קראַפט. ס'איז שיטערער געוואָרען... אַ — דאַמאָלס האָט מען זיך אָן געהויבען רעכענען מיט זיי, מען האָט זיי אַוועק געגעבען אַגרויס שטיק לאַנד אונטער דעם שיין פון אַ אַנדערע מלוכה, און ערשט דאַן האָבען זיי זיך בערוהיגט.

פראַניאַ האָט מיט ביידע הענט זיך בײַם קאָפּ אָן געכאַפּט:

ס'איז צו שטוינען, ס'איז צו וויינען, וואָס דאָ איז שוין געוואָרען אָב געטהון. און דאָס רופען מיר אָן מענשען, אַ טייוועל, אַ בעסטיע, אַ נאָר צוויי פוס — איז עס: מענש... איז עס: מענש!

אויב עס איז דיר נישט שווער וועל איך דיך פרעגען נאָך אַ פראַגע: צו זענען ווירקליך אַ מאָל געווען אַזאָלכע מטבעות, וואָס פאַר דעם האָט מען אַלעס געקריגען, און אויב מען האָט עס נישט געהאַט, האָט מען געדאַרפט הונגערען? אויב עס איז אַזוי געווען, איז עס דאָך שרעקליך... שרעקליך...

און היינט — האָט דער אַלטער געפליסטערט — לעבט איהר אָהנע געלד... מיין גאָט... מיין גאָט...

טרערען האָבען איהם געשטיקט, און ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויס רעדען. אַלע זענען שטיל געזעסען; און מאַריץ האָט געפיהלט אַ קלינגען אין רעכטען אויער. נאָכהער האָט דער אַלטער ווייטער געיאָמערט:

יאָ יאָ, געלד איז געווען; און דאָס געלד איז געווען אַ גאָט אַ טייוועל, אַ גן עדן, אַ דאָס שרעקליכסטע גיהנם. אמת מען האָט געחלום'ט אַז אַ מאָל וועט עס אויף הערען צו עקזיסטירען, אָבער צו פערווירקליכען דאָס, אַרויף צו ברענגען מכח אל הפועל, איז געווען אונמעגליך, מחמת עס האָט בײַ יעדען אויס געזעהן ווי אַ מעשה פון יענער וועלט. אָבער זאָגט מיר כ'בעהט אייך ווי אַזוי געהט צו דער אָרדנונג אָהנע געלד?... אָהנע געלד... אָהנע געלד... און אַ פרישער שטראָם טרערען האָבען זיך פון זיינע אויגען אַ גאָס געטהון.

גאַנץ איינפאַך: יעדער איינציגער מענש אַרבייט דריי שעה טעגליך

איז שוין אַלעס דאָ אין איבערפלוס.

פרויען אויך?

פרויען אויך.

אַלע קענען דאָך נישט אַרבייטען ביי איין פאַך, ווייל איינער טהון די געמיינערע אַרבייט?

קיין געמיינע אַרבייט איז גאָר נישט פאַרהאַנען.

וואָס הייסט נישט פערהאַנען? ווייל איינער זיצען ביי אַ בוך רעכנונגען פיהרען, און דער צווייטער ביים ריינינגען אַ רינשטאָק?

די אַרבייט איז אין צוויי טהיילען געטהיילט: אַלע ווירטשאַפטליכע אַרבייט, בוימער פלאַנצען, בלומען זייען, אַרונטער נעמען די פרוכטען פון די בוימער און נאָך אַזעלכע זאַכען ווערען געמאַכט אויס־שליסליך פון פרויען.

מאַטעריעלע אויס אַרבייטונג, ווי מעבעל, אייזען, גראַניט, דאָס מאַכען מענער. נאָך דעם ווי יעדער געהט אַרויס פון די שולע ווערט געזעהן צו וואָס דער האָט מעהר טאַלענט, מעהר נייגונג, דערצו ווערט ער גענומען. וואָס אַנבעלאַנגט, קעהרען רינשטאָקען ריינינגען גאַסען, דאָס פיהרט די טעכניק כמעט אַליין אויס.

די טעכניק מוז ביי אייך זיין זעהר ענטוויקעלט? האָט דער אַלטער געזאָגט אין אַ טאָן פון אַ פראַגע.

גאַנץ ריכטיג, אום צו ענטוויקלען די טעכניק האָבען מיר געטהון אַלע מעגליכקייטען. ווער עס איז נאָר געקומען מיט עפּיס אַ אויפטהו, האָבען מיר איהם געגעבען אַלע נויטיגע מיטלען עס אויס צו פיהרען.

אין מיינע צייטען זענען געוועהן פיעל מענשען, וועלכע האָבען די טעכניק גאַנצליך געוואָלט פערניכטען, און צוריק געהן צו די גאָר אַלטע צייטען, ווען אַלעס איז מיט די הענד געמאַכט געוואָרען.

משוגעים! האָבען מאַריץ מיט פראַניאַ'ן אויס געבראָכען אַ געלעכטער.

איך וועל אייך נאָך עפּיס פרעגען — האָט דער אַלטער געזאָגט — ווי באַלד אַז אַלעס איז אומזיסט, און צו אַרבייטען צווינגט מען קיינעם נישט, דאַרף דאָך יעדער בעסער וועלען שטודירען וויסענשאַפטליכע

זאַכען, אַלס צו אַרבייטען?

איך האָב דאָך דיר געזאָגט אַז אַלע מענשען אָן אויסנאַהם, אַרבייטען דריי שעה אין מעת לעת. ס'איז קיין אונטערשיעד צו דער פּראָפעסאָר, צו דער קונסטלער, אפילו דער וועלט מאַן" אַרבייט אויך דריי שעה אין מעת לעת, די איבריגע פריי״ע "שטונדען איז וואָס איינער וויל טהוט ער; ווער עס וויל שטודירען, ווער עס וויל לעדיג געהן, וואָס איינער וויל טהוט ער.

דער אַלטער האָט ווידער אָן געהויבען וויינען: יעצט וועל איך שנעל שטאַרבען, פאַר פרייד און שמערץ, פאַר — פרייד — און — שמערץ...

מאָריץ מיט פראַניאַ'ן זענען געווען גערירהרט פון זיינע טרערען, און זיי האָבען געשוויגען. נאָכהער האָט פראַניאַ זיך צום אַלטען געוואָנדען:

וועלכע אורזאַכע ברענגט דיך צו טרויערען אין דעם מאָמענט פון דיין העכסטעם גליק?

איך מוז אָבער טרויערען... איהר קענט עס נישט פערשטעהן... ווען אין אַ מאָמענט ווען ס'איז שלעכט שטאַרבט אַ געליבטע אַוועק וויינט מען. שפּעטער ווען מיט די צייט דער געליבטער קומט אויף אַ הויכע שטופע דאַן וויינט ער נאָך מעהר: מיין געליבטע! ווען דו זאָלסט יעצט לעבען... ווען דו זאָלסט יעצט זיין מיט מיר אויף די שטופע... איהר קענט עס נישט פערשטעהן, איהר האָט די ערד נישט געזעהן אין יענעם געשטאַלט... אַך יענע מענשען — מיין האַרץ פרעסט מיך... אַי ווי וואָלט איך יעצט געוואָלט האָבען אַ איבער נאַטורליכע קראַפט, און אויף וועקען יענע מענשען, יענע מענשען... פאַר וואָס זאָלען זיי נישט זעהן דאָס לעבען אין היינטיגען גליקליכען געשטאַלט... און — וואַרום וועל איך יעצט מוזען שטאַרבען, אַוועק געהן פון דער שעהנהייט, פון דער שעהנהייט...

מאָריץ האָט געקריצט מיט די צייהנער נאָך מורמלענדיג דעם אַלטען מיט כעס: אַ וועק געהן פון דער שעהנהייט, אַוועק געהן פון דער שעהנהייט. און נאָך אַ קליינעם נאָכדענקונג האָט ער זיך צום

אַלטען געוואַנדען: אַ וועק געהן פון דער שעהנהייט? גיעבט עס דען שעהנהייט אין לעבען? פערמאַגט דען דאָס לעבען די ריכטיגסטע בלומען וועלכע זאָ׳ען אונז אויף אַ אמת בעצויבערען מיט זייער אַראָמאַט, און ציהען־אונז מיר זאָלען געניעסען דערפון? פערמאַגט דען דאָס לעבען די ריכטיגסטע שטראַהלען וועלכע זאָלען אונז בעלייכטען די פינסטערע ווינקעלעך, און מאַכען שיינען אונזערע געזיכטער מיט דעם אמת׳ן גליק? אין אמת׳ן זאָג איך דיר אַז קיין שעהנעס גיבט אַבסאָלוט ניט, נאָר וויל מיר קענען זיך אין די פאַנטאַזיע ניט פאַר שטעלען שענער רופען מיר דאָס אַן שעהן. אין אמת׳ן זאָג איך דיר אַז קיין שעהנעס גיבט נישט. מיר קענען עס נאָר אַן רופען: שענער פון דעם מיאוס׳ערען... יאָ יאָ, מיר קענען זיך נאָר פאַר שטעלען אין די פאַנטאַזיע אַזאַלכעס וואָס מיר זעהן אין לעבען דאָס לעבען פערלאַנגט אָבער העכערעס, אַזאַלכעס וואָס די פאַנטאַזיע קען נישט פאַר שטעלען, אום אָבער צו ערגרייכען דאָס העכערע מוז דאָס לעבען זיין פאָלקאָמען. דאָס לעבען איז אָבער נישט פאָלקאָמען, צום פאָלקאָמענהייט פעהלט אַ עפּיס... און דעם עפּיס וועלען מיר קיינמאַל נישט בעגרייפען, וויל ער עקזיסטירט נישט...

ריכטיג, ריכטיג — האָט דער אַלטער צו געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ— דאָס לעבען דאַרף העכערעס; אָבער לאָמיר צוריק געהן צום ערשטען. איהר קענט נישט וויסען, איהר קענט נישט פיהלען וואָס עס קומט יעצט פאַר אין מיין הארץ... קיינער פון די יעצטיגע מענשען קען נישט פיהלען דאָס אונפאַרבינגע וואָס נאַגט מיין הארץ... ווען יעמאַנד ליגט אַ פּאָר יאָהר אין אַ פינסטערען קערקער, שפּעטער ווען ער ווערט בעפרייט, און קומט אַרויס אונטער די ליכטיגע זונען־שטראַהלען דאַן שטאַרבט ער פון זונען־שטאָך. און איך בין עוויג אין די פינסטער געלעגען, קען איך יעצט די ליכט נישט איבער טראָגען. איך ווייס: כ׳מוז שטאַרבען. אָה! ווילט זיך מיר יעצט לעבען. אָה ווילט זיך מיר אַריין אָטום׳ן דער געשמאַק פון יעצטיגען לעבען...

אַ לאַנגע פויזע האָט איינגעטרעטען. דאַן האָט דער אַלטער

געפרעגט: ווען עס איז דא אזוי פיעל פרייע צייט מוז געוויס יעדער זיין זעהר געלערענט.

כ'וועל דיר זאגען — האט מאריץ האלב שמייכעלדיג געזאגט — אסטראנאמיע, מעדעצין, דאס מוז יעדער איינציגער מענש ענדיגען אין די ערשטע שולע צו ג׳ייך מיט די געאגראפיע, בעפאר ער געהט צור ארבייט. נאכהער איז פערשיעדען, צום ביי שפיעל איך — איך בין נישט קיין געלעהרטער, ווייל אין מיין קאפ בלאנקעט זיך שטענדיג ארום א וואלקען. פונדעסטוועגען די ערשטע שולע האב איך דאך געענדיגט. נאכהער האב איך געענדיגט: פי׳אזאפי; געעדיגט דעם קאנסערוואטאריום; קונסטמאלעריי; און נאך אזאלכע קלייניגקייטען חאטש איך האב זיי ספעציעל נישט שטודירט בין איך אויך בעקאנט.

איך בין א ענטאמאלאג. אין מיינע צייטען בין איך געווען דער גרעסטער. זענט איהר אין דעם אויך בעקאנט?

אויך עטוואס.

זיי האבען זיך צו רעדט, און מיטען שמיעס האט דער אלטער אוים-געשריגען: איך דער גרעסטער ענטאמאלאגיסט ווייס קיין העלפט נישט וואס דער אונשטודירטער! א וועלט! ווי זענען יענע? די אלטע... די אלטע... פאר וואס וואכען זיי נישט אויף פון זייער שלאף?...

אפויזע האט ווידער איינגעטרעטען. און שטוב איז שטיל געווען, און פראגיא האט דעם אלטען בעשפריצט מיט דעם וואסער. דאן האט זי זיך געוואנדען צום אלטען:

פילייכט ווערסטו עסען אלטער?

איך ווייס נישט וואס מיט מיר איז; שוין זעקס שעה האב איך אין מיין מויל גאר נישט גענומען, און איך פיהל נישט דעם מינדעסטען א פעטיט צום עסען. דערצו בין איך זעהר מונטער. געוויס איז דאס אויך א היינטיגע קראנקהייט, אלעס איז דאך ביי אייך געענדערט. די נאטור אליין איז דאך אויך געענדערט.

האט מען דיר נישט געגעבען א לעפעלע רויטליכע קראפליעס?

יא. נישט קיין פולעס.

וועסטו צווײ און צוואַנציג שעה נישט דאַרפֿען עסען, און אַלעס וועט פֿונקציאָנירען אין אָרדנונג.

מײַן גאָט! האָט דער אַלטער אויס געשריגען בלאָס ווערענדיג און אָנבאַפּענדיג זיך בײַם קאָפּ — דאַרף מען עסען אויך שוין נישט? חלום איך נישט? אַהאַ האַ האַ, מען דאַרף שוין נישט עסען... מען דאַרף שוין נישט עסען — האָט ער אָן געהויבען זינגען פּאַטשענדיג מיט די הענד און אויסגלאָצענדיג זײַנע אויגען ווי אַ משוגענער.

מאָריץ איז געפֿאַלען אין פֿראַניעס שויס: ער האָט געפֿיהלט דעם טעם פֿון דעם זינגען, און ער האָט עס נישט געקענט אריבער טראָגען. פֿראַניאַ האָט איהם אַרום גענומען און איהרע טרערען זענען אויף זײַנע האָר געפֿאַלען. דער אַלטער אַבלאַסער מיט אַווילדען קוק איז נאָך אַלץ געזעסען ווי פֿערשטײנערט און שטיל געשעפּטשעט: שטאַרבען... ווען מען ערדײַכט דאָס גרעסטע גליק פֿיהלט מען אַ חשק צום שטאַרבען... שטאַרבען...

פֿראַניאַ איז געווען די ערשטע וואָס איז צו זיך געקומען און זי האָט ערקלערט דעם אַלטען אז ווען מען נעמט אַ גאַנץ לעפֿעלע די קראַפּליעס גענײַגענד עס אויף דרײַ טאָג, ווען מען וויל זיך אָבער שפּיעלען קען מען נעהמען צו צווײ קראַפּליעס. און ווען מען וויל, דאַרף מען די קראַפּליעס אין גאַנצען נישט נעהמען, מען קען זיך אָן לענגען אַבויך מיט פֿרוכטען, אָדער עפּיס אַנדערש. נאָר וועלכער מענש טהוט עס דען, ווער האָט דען געדולט זיך אַוועק צו זעצען און קײַען ווי אַ קיה.

דער אַלטער האָט אַרויס געלאָזט אַ משונה ווילד געלעכטער. און נאָך אַקלײַנע פּויזע האָט ער געזאָגט אַז פֿונדעסטוועגען דענקט ער אַז דאָס עסען מאַכט אַבעסערע ווירקונג אַלס די קראַפּליעס.

איך בין דאָך אויך אַביסעלע בעקאַנט אין מעדיצין — האָט זיך מאָריץ שמײַכלענדיג אָן גערופֿען — און איך ווײס אַז די קראַפּליעס זענען פֿיעל געזונדער, זײ ברענגען אַרײַן פֿרישען מוטה, זײ שטאַרקען די נערווען, און אין אַלגעמײַן איז עס בעסער.

כ׳וועל אַראָב פֿון זינען, כ׳וועל אַראָב פֿון זינען — האָט דער

אַלטער געבּרומט .

וועט מען דיך צוריק צום פערשטאַנד ברענגען ; נישטאָ וואָס צו שרעקען .

איך גלויב שוין אַלעס — האָט דער אַלטער געפּליעסטערט — אַלעס גלויב איך שוין . אָבער איין זאַך ווּאונדערט מיך וואָס איך קען בשום אופן נישט פערשטעהן : מענשען וועלכע האָבען די נאַטור בעהערשט , מען געהט שפּאַצירען אויף׳ן ים ; מען פליהט אַרום אין דער לופט ווי אָדלערס ; מען דאַרף נישט עסען נישט טרינקען ; אַלעס איז דאָ אין איבערפלוס דורך דריי שעה אַרבּייט ; כמעט אַלע מענשען זענען קונסטמאַלער , דיכטער , מוזיקער , אַסטראָנאָמיקער , פילאָזאָפען , ווי קומט עס אַז אַזאַלכע מענשען זאָלען געניי נישט וויסען וואָס עס איז געווען מיט אַפּאָהר הונדערט יאָהר צוריק ?

דאָס וועל איך דיר ערקלערען — האָט פראַניאַ געזאָגט — מיט פינף הונדערט יאָהר צוריק , ווען די מענשען האָבען זיך אַרום געקוקט ווי זיי זענען געפאַנגען אין אַ נעץ פון שפּינוועבס , ווי מיט אייזערנע קייטען , האָבען זיי בעשלאָסען די אַלע שריפטליכע זאַכען וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס עקזיסטירט , צו פערניכטען . און אַזוי האָבען זיי עס געטהון : אַלע אַלטע מעשׂות , געזעצען , דאָקומענטען , האָבען זיי פערברענט . פון יעדען נאָר איינס איבער געלאָזט , דאָס האָט מען פערשלאָסען און אַ בעזונדערען אָבטהיילונג פון היסטאָרישען מוזעאום . עס איז אויך פערבאָטען געוואָרען אַריין צו געהן . אָט דעם זעלבען טאָג האָבען זיי פאַר אַ יום טוב געמאַכט , פון דאַמאָלס אָן געהויבען צעהלען די יאָהרעס צאָהל , און היינט האָבען מיר שוין דאָס פינף הונדערטסטע צוועלפטע יאָהר .

דער אַלטער האָט געשטיינט : אַזוי , האָבען זיך אַרום געזעהן וואָס ס׳האָט זיך אָב געטהון . . . ס׳האָט זיי געדרוקט , און — אום נישט צו פיהרען די אַלטע אָרדנונג , האָבען זיי דאָס אַלעס צערשטערט . . . נייער שכל ? האַ ? נייע וויסענשאַפט , נייע קונסט האָבען איינגעוואָנדערט ? . . .

די טעלעפאָן־צייטונג מעלדעט אַפילו אַז דער וועלט קאָמיטעט

קלערט אַרײַן צו טראָגען אַ פּראָיעקט · צו עפֿענען די געהיימע היסטאָרישע אָבטײַלונג פֿון מוזעאום, און מאַכען אַ עפֿענטליכען אַרײַן=גאַנג.

וואָרום פּונקט יעצט? האָט מאָריץ געפֿרעגט.

אין עטליכע טעג אַרום וועט עס דיר קלאָר ווערען.

פֿראַניאַ! האָט מאָריץ קײַכענדיג צווישען די צײַן גערעדט — איך זעה אַז עפּיס אַ איבערקעהרעניש קומט פֿאָר, און קיינער וויל נישט זאָגען, אַלע ווײַסען, און בײַ אַלע איז עס אַ סוד. נאָר געדענק פֿראַניאַ, די הויבסט מיך אָן צו עראינערען מײַנע משונה'דיגע געדאַנקען, בײַ וועלכע איך האַלט זיך פֿעסט ווי אַ אײַזען.

אין וואָס בעשטעהן דען דײַנע געדאַנקען מאָריץ?

איך בין שטענדיג געווען מיט דעם געדאַנק, און וועל שטאַרבען מיט דעם געדאַנק, אַז סוף כל סוף וועלען די מענשען אַמאָל אויפֿהערען צו עקזיסטירען. פֿאַר אַלע טײַוועלס, איך זעה קיין תכלית!

זי האָט זיך צו לאַכט. מאָריץ האָט אָבער בעמערקט אַז דאָס לאַכען איז מעהר קונסטליך ווי נאַטורליך און דאָס האָט איהם פֿערדראָסען. עס שטעהט דיר פֿרײַ — האָט ער געזאָגט — צו לאַכען דערפֿון ווי פֿיעל דו ווילסט. איך בלײַב בײַ מײַן געדאַנק. הערסט?

זי, וועלענדיג דאָס גאַנצע געשפּרעך איבעררײַסען, האָט אָן געהויבען זינגען. דער אַלטער האָט זיך באַלד פֿערלויריען, ער איז געזעסען בעוועגונגסלאָז גלאָצענדיג אויף איהר מיט זײַנע גרויסע אויגען, ווי אַ שטײַנערנע סטאַטוע. און מאָריץ, זעהענדיג אַז דער אַלטער ליגט מונטער, האָט זיך אויסגעלעגט אויף די צווײַטע קאַנאַפּע קוקענדיג אויף איהר, און אָטום'דיג איהרע טענער. זײַנע אויגען האָבען זיך לאַנגזאַם אויף און צו געמאַכט, און ער איז אײַנגעשלאָפֿען. פּונדעסטוועגען האָט ער געהערט דאָס געשפּרעך וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישען דעם אַלטען מיט פֿראַניאַ'ן, (וואָס אַ חלום קען)

ביזטו פֿערהײַראַטה מײַן קינד? האָט דער אַלטער זי געפֿרעגט ווען זי האָט אויפֿגעהערט זינגען.

איך פֿערשטעה נישט.

האָסטו אַ מאַן ?

איך פֿערשטעה נישט דײַן פֿראַגע.

אין מײַן צײַט — האָט דער אַלטער ערקלערט — האָט זיך יעדעס מעדיל נאָך עלטער פֿון אַכטצעהן צוואַנציג יאָהר גענומען אַ מאַן, מיט וועלכען זי האָט זיך לויט אַ געוויסע צערמאָניע פֿערבונדען, אום מיט קיין אַנדערען נישט צו פֿערקעהרען, נאָר בלײַבען טרײַ און ליעב דעם מאַן, דאָס האָט מען גערופֿען: פֿאַמיליען-לעבען. און ווען אײַנער האָט פֿערקעהרט מיט אַ אַנדערע, אָדער מיט אַ אַנדערען, האָט עס געהײַסען געבראָכען די טרײַהײַט, און טראַגישע זאַכען פֿלעגען זיך דאַן אָב שפּיעלען.

פֿערבונדען? מיט אײַן מענש זיך פֿערבונדען אויף דאָס גאַנצע לעבען? יאָ -- מיר האָבען אויך פֿרײַנד מיט וועלכע מיר האַלטען זיך צו זאַמען. אָבער וואָס הײַסט פֿערבונדען? דומהײַטען; הער נאָר: וואָס פֿאַר געדאַנקען האָבען דיך בעהערשט ווען די ביזט אויף געקומען און געזעהן די אַרט לעבען?

ווען איך בין אויף געקומען, זעהענדיג בײַ מיר זיצען נאַקעטע מענשען, האָב איך זיך ערשראָקען. כ'האָב גערעכענט אַז איך טרוים, אָבער איך בין צווישען אַ מחנה ווילדע מענשען אַרײַן געפֿאַלען. איך האָב זיך אָבער גלײַך איבערצײַגט אַז אַלעס איז אין די ווירקליכקײַט, און אַז צווישען גזלנים בין איך נישט אַרײַן געפֿאַלען. און איך האָב זיך געוואונדערט: אין מײַנע צײַטען ווען אַלע זענען געגאַנגען געקליידעט, האָב איך געפֿיהלט אַ גרעסערען רייץ צו פֿרויען, אַלס הײַנט זעהענדיג זיי נאַקעט, און אַזוי צויבעריש שעהן... אַזוי שעהן... אַנדערע מענשען.

אַ... אַ... מם... האָט מאָריץ געברומט ווען ער איז אויף געקומען, און אַ שווײַס איז אויף זײַן געזיכט געלעגען — אַ שרעקליכער טרוים... אָה... כ'בין מיעד, אָב געשוואַכענט... אָה אָה — איך האָב זיך אָן גערעדט וועגען אַזאָלכע זאַכען. און ווען איך בין יעצט אײַנגעשלאָפֿען, נו האָט זיך מײַן פֿאַנטאַזיע אַזוי צו שפּיעלט, אַזאַ שרעקליך בילד: כ'בין צו געגאַנגען צו אַ בוים מיט עפּפעל —

האָט ער אין איין אָטום ערצעהלט – וועלכע האָבען זיך מיר צום מויל געצויגען, האָב איינעם אָב געריסען און זיך אַוועק געזעצט אויף די באַנק בײַם בוים עסען.

בעצאָהל! האָט איינער צו מיר אויס געשריגען אָן נעמענדיג מײַן האַנד וועלכע האָט געוואָלט אַרײַן לעגען אַ שטיק עפּפעל אין מויל.

וואָס הייסט דאָס? האָב איך איהם געפרעגט.

גיב געלד וועסטו עסען, ווען נישט וועסטו נישט עסען; זי איז מײַן.

וואָס איז דאָס געלד? וואָס הייסט עפּיס דײַן? ס'איז דאָך דעם בוים'ס. חאַ האַ חאַ... און וואָס הייסט עפּיס כ'וועל נישט עסען, ווען מיר ווילט זיך?

דער מענש האָט אַרויס געשאָקעלט אַ טאַש מיט קליינע רונדע שטיקלעך מעטאַל; אָט דאָס – האָסטו דאָס? ניין –

האָט ער מיר די פּאָמעראַנץ אַוועק גענומען, און איך בין אַוועק לעהר. מילאָ, אַ נאַרישקייט, נאָר ווערענד איך האָב עס געפיהלט, האָב איך געמיינט אַז מײַן האַרץ וועט פּלאַצען פאַר קרענקונג. יאָ – כ'האָב זיך אָן געהערט פערשיעדענע נאַרישקייטען, דאַרום האָט זיך מײַן פאַנטאַזיע אַזוי צו שפּיעלט.

פון וואָס האָבען מיר פויהר גערעדט? האָט דער אַלטער געפרעגט.

וועגען דעם וואָס מען רופט בײַ אײַך פאַמיליען לעבען.

אַהאַ, ריכטיג. ווי איז אָבער ווען איינער פערליעבט זיך אין אַ מעדיל וועלכע פיהלט צו איהם קיין סימפּאַטיע נישט? האָט איהר צו דעם אויך אַ עצה?

אַ עצה צו היראַטהאַן פאַר אַ מאַן ווי בײַ אײַך? די – אין וועלכע ער איז פערליעבט ווייס אַליין ווי צו האַנדלען אום דעם פערליעבטען קיין שמערצען צו פערשאַפען.

ענטשולדיג – האָט מאַריץ זיך אָן גערופען – ס'איז אמת זאָגט איהר אַז די דאַמאָלסדיגע מענשען האָבען אויף פערשיעדענע שפּראַכען גערעדט?

גאַנץ ריכטיג; יעדעם פֿאָלק, דאָס הייסט יעדע קאַטעגאָריע האָט האָט געהאַט איהר שפּראַכע.

איז דאָך אויס געקומען, אַז ווען יעמאַנד איז געקומען אין אַ אַנדער לאַנד, האָט ער זיך מיט קיינעם נישט געקענט אַ דורך רעדען.

געוויס; דאָס האָט אימער געטראָפען, טראָץ דעם וואָס מענשען האָבען געקענט זיעבען אַכט שפּראַכען. ווען זיי זענען אָבער געקומען אין אַ אַנדער לאַנד, וועלכע שפּראַכע זיי האָבען נישט געקענט, זענען זיי שטום געוועזן.

האָבען אַלע געקענט זיעבען אַכט שפּראַכען?

פֿיער שפּראַכען האָט יעדער געקענט; פֿיעלע זיעבען און אַכט.

זאָנדערבאַר. ווי קען מען געדענקען אַזוי פֿיעל טויזענדער ווערטער, די אויס שפּראַכע, דעם אַקצענט? עס האָט דאָך גענומט נעהמען יאָהרען צייט, ביז מען האָט זיך דאָס אויסגעלערענט.

דער אַלטער האָט געשוויגען.

נון, אויף אַזוי דום האָב איך גאָר נישט גערעכענט. היינט רעדט די גאַנצע וועלט אויף איין שפּראַכע, און אויף די שטעל ווערט גע־לערענט וויסענשאַפט. ס'איז גאַנץ ריכטיג ווען מען בעהויפּטעט אַז די פֿויהריגע מענשען זענען ווילדע געוועזן.

דאָס איז אונבעדינג ריכטיג — האָט דער אַלטער געזאָגט פֿער־שעהמט — אָבער קיין עצה דערצו האָט מען נישט געהאַט: נישט פֿיעל האָבען עס פֿערשטאַנען, די וואָס האָבען עס יאָ פֿערשטאַנען זענען געוועזן ווייניג אין די צאָהל און אין די קראַפֿט, האָבען זיי דאַרום גאָר נישט געקענט אויף טהון נאָר וואַרטען מיט נביאות־זאָגערייַ ביז דאָס וועט אַליין דערצו צו פֿיהרען.

רעדסטו אויך אויף איינצגע שפּראַכען.

אויף זעקס שפּראַכען.

נון ווי הייסט אַ טיש?

שלחן, טיש, סטאָל, טאַבלאָ און —

זיי האָבען איהם מיט אַ הילכענד געלעכטער איבערהאַקט, ליידער ער האָט אויספּיעט די לעצטע צוויי צו זאָגען.

וועט שוין היינט נישט נאכט ווערען? האט דער אלטער געפרעגט— איך בין שוין אכטצעהן שעה אויף, און עס ווערט נישט נאכט?

די זון שיינט יעצט שטענדיג; קיינמאהל ווערט נישט פינסטער; פערגעהט די נאטורליכע זון, שיינט אויף די קונסטליכע.

האט איהר א זון איך שוין בעשאפען? זענט איהר געטער געווארען; געוואַ — אלד! כ׳וועל פון זינען אראב.

א געוויסער מענש זילבערקראנץ האט ערפונדען דאס מיטעל צו בעלייכטען די ערד מיט איין פלאם, דערפאר הייסט די זון אויף זיין נאמען.

מיינע פריינד! האט דער אלטער ענטוזיאזטוש געזאגט — זענט איהר יעצט שוין חאטש צו פרידען פון לעבען? האט איהר שוין אלע פראגען פערענטפערט?

ניין אה ניין — האט מאריץ געיאמערט — מיר קענען פון לעבען נישט צו פרידען זיין, ווייל מיר האבען נישט דערפון וואס צו פאדערען. און איך שווער אייך ביי מיין האנד, אז די ערד מיז צו א תהו ובהו צוריק געשטעלט ווערען.

דאן איז ער אין זיינע טרויעריגע מחשבות אריין געפאלען, און זיין געזיכט האט געקריגען א אנדעראויסזעהן. פראניא האט דאס בעמערקט, און — אום נישט טרויעריג צו מאכען דעם אלטען, האט זי פאר געלעגט צו געהן שפאצירען.

ווען זיי זענען ארויס אין גאס, האט דער אלטער געבעטען, צו געהן אין א פאבריק אריין, אום צו זעהן ווי די ארבייט געהט יעצט צו. אין די גאס האט ער געזעהן ווי צוויי עלטערע מענשען נעהמען ארויס עטליכע מארמארנע שטיינער, און אויף די שטעל לעגען זיי נייע, ווען מאריץ האט בעגריסט די ארבייטער, האט זיך איינער פון די צוויי אויף געשטעלט און געפרעגט מאריץ׳ן אויב דער מענש וועלכער געהט מיט איהם איז דער, וועלכער איז אויף געקומען פון לעטארגישע שלאף — מאריץ האט זיי פאר געשטעלט, און דער אלטער האט זיך זעהר געוואונדערט ווען דער פראסטער ארבייטער האט איהם א קוק געטהון אין די אויגען און געזאגט א מיינונג איבער זיין געזונד

צושטאַנד. און ווען מאָריץ האָט איהם ערקלעהרט אַז דאָס איז אַ גרויסער פּראָפעסאָר, אַ קאָמפּאָזיטאָר, און דערצו נאָך אַ פּאָהר אַזאָלכע זאַכען, איז ער געבליבען ווי פּאַראַליזירט. דאָס זעלבע איז געווען ווען ער איז אַריין געקומען אין די ערשטע וואַרען=פאַבריק: די מאַשינען זענען שטיל נאָר אונגעוועהנליך שנעל געגאַנגען; ביי יעדען וואַרשטאַט איז געשטאַנען אַ קאַנאַפּע מיט זייד געדעקט, אַ לאַנגער שפּיגעל, אַ גרויסער גלעזערנער וואַשטיש. און פון די ווענד האָט זיך ליעדער מיט פערשידענע מעלאָדיען געהערט. די אַלע פיער ווענד פון דעם גרויסען זאַל, זענען מיט קונסטליכע בילדער געמאָהלט געווען, און פון סופיט האָבען דינע טראָפּפענס פאַרפום אויף די פליושענע פּאָדלאָגע אַרויף געטריפט.

דער אַלטער איז געשטאַנען בלאַס און קוים געשעפּטשעט: אַ פאַבריק ... אַ פאַבריק ... אין מיינע צייטען ... אַ טעאַטער ... אָה! גאָט — און איז געפאַלען אין אָנמאַכט.

פיליכט — האָט מאָריץ געזאָגט צו פראַניאַ'ן — וועלען מיר מאַכען אַ רייזע אויף באַציאָנעס (אַלופט פליה אַפּאַראַט, וועלכער האָט אויס געזעהן ווי אַ נאַטורליכער באַציאָ'ן; דאָס איז געגאַנגען מיט אַ שנעליגקייט פון הונדערט מייל אין אַ שעה).

זי האָט דערצו איינגעשטימט; ביידע זענען אין מאָריץ'ס וואָהנונג געגאַנגען, עטליכע גלעזער ווין געטרונקען. און די לעבענסטראָפּפען גענומען. צוויי שעהנע פייגעל האָבען עפּפעל געבראַכט, וועלכע זיי האָבען באַלד אויף געגעסען, און זיך געלאָזט פליהען.

אַ גן עדן. אַ פּאַראַדיז, אַ וואונדערשעהנע פּאַנאָראַמע — דאָס אַלעס זענען דאַמאָלס אין מאָריץ'ס אויגען קינדערשע פאַנטאַזיעס געוועזען, געגען דעם וואָס ער האָט געזעהן: אויף הונדערטער מיילען וויט, האָבען זיך לאַנגע גאַסען געצויגען, כמעט די גאַנצע ערד איז אין איין שטאָט פעראייניגט געווען, אַלע הייזער איין געשטאַלט איין גרויס, צווישען יעדען הויז האָט זיך אַ ברייטע אַלעע מיט פערשידענע פרוכטען

בוימער און בליהענדע בלומען געצויגען, און ווען מען איז די אלע דורך געגאנגען איז מען ווידער צו א גאס וועלכע האט ווי די ערשטע אויס געזעהן געקומען, אין אזאלכע גאסען האבען אן שיעור זיך געצויגען. דאן אין א גאנץ בעזונדערן טהייל האבען זיך געפונען די לאגער גאסען, די ארבייטס גאסען, אין וועלכע קיינער האט נישט געוואהנט. יעדע גאס — די ארבייטער גאס ווי דער לאגער גאס האט געהייסען לויט דעם ארטיקעל סחורה וואס זי האט ענטהאלטען, ווי די מעבעל גאס, בילדער גאס, ביכער גאס; ווייטער האבען זיך געצויגען פערגניגונגס גאסען, ווי, טעאטער גאס, קאנצערטען גאס, לעזע גאס.

פייגעל האבען צווישען מענשען אויף די הענד ארום שפאצירט; לייבען און וועלף האבען זיך איבער אלע גאסען ארום געדרעהט, האלטענדיג אויף זיך פערשידענע הומאריסטישע זשורנאלען, פערשידענע פרוכטען.

און מאריץ מיט פראניא'ן, אום צו קענען בעטראכטען אלעם אונטער זיי, זענען געפלויגען נישט הויך, און גאנץ לאנגזאם. די זון האט גראדע דאמאלס זעהר שעהן נישט געשיינט, שיטערע וואלקענס האבען זיך געיאגט איבער זייערע קעפ, און זיי האבען זיך אויפמערקזאם צו געקוקט צו די ארבייט וואס מענשען האבען געמאכט. אלעס האט אויס געזעהן ווי א פריש געשאפענער בליהענדער גארטען, גראדע ווי איין מענש מיט איין האנד מאכט דאס אלעס געמאכט. אלעס האט איהם פראכטפאל, שעהן, אויס געזעהן, אבער דאך האט זיך אין זיין מח געפיהרט דער אלטער צאפעלדיגער געדאנק: עס האט אבער געדארפט שעהנער זיין, און עס האט געדארפט זיין מיט א ציעל; ווען עס זאל גאר ווירקליך שעהן זיין, וואס פאר א ווערט קען האבען שעהנהייט אן א ציעל...

ער האט א קוק געטהון אויף זיין זייגער, און זעהענדיג אז אום זיבען מיט דרייסיג מינוט וועט אן הויבען רעגענען וועלכער וועט דויערען איינס מיט א פיערטעל שעה, האט ער פאר געלעגט צו פאהרען צוריק אין זיין וואהנונג.

ווען זיי זענען אהיים געקומען, האבען זיי געזעהן אז אין פערלויף

פֿון אַ שעה זענען זיי געפֿלויגען נישט מעהר ווי צוואַנציג מייל. און מאַריץ, זעהענדיג אַז דער רעגען הויבט שוין אָן געהן, איז אַרויף אויפ'ן גלייכען דאַך פֿון זיין הויז, וועלכער איז מיט אַ גאָלדענעם גאָניק אַרום געצוימט געווען, און אַזוי איז ער אַ לאַנגע צייט געשטאַנען. דאַן האָט אָן געהויבען בלוצען און דינערען, און מאָריץ האָט ליעב געהאַט צו הערען דעם כעס, דעם רוישענדען צאָרן פֿון דער נאַטור, ווייסענדיג אַז איהר צאָרן, איהרע בלוצען קענען איהם נישט שאַדען. און עס האָט איהם אַ הנאה געטהון וואָס זיי האָבען פֿערוואָרענט אַז אפילו אַבוים זאָל עס נישט טרעפֿען. און בכלל האָט זיך איהם אויסגעזעהן אַז די גאַנצע נאַטור האָט זיך געענדערט, האָטש עס האָט אַזוי שטאַרק געדונערט, איז דער רעגען געגאַנגען שטיל. און די בוימער אונטערען רעגען זענען רוהיג געשטאַנען, לאָזענדיג זיך גלעטען פֿון דעם רעגען, קיין בלעטיל אויף זיי האָט זיך נישט געריהרט, און ער האָט פֿערגעניגען געהאַט פֿון דעם אַלעם. דאַן איז ער אַריין אין שטוב און זעהענדיג אַז דער רעגען וועט נאָך אַביסעל דויערען, האָט ער זיך ווידער גענומען אַ בילד אויף מאָהלען, און דאָס בילד האָט דורך די קורצע צייט איהם אַזוי געלונגען, אַז ער האָט עס גלייך געוואָלט ווייזען פֿראַניאַ'ן. ער איז דאַרום אַריין אין די צווייטע שטוב נאָך פֿראַניאַ'ן, ווייסענדיג אַז דאָרט איז זי פֿויהר געבליבען זיצען. ביז דאַן האָט ער גאַנצליך געהאַט פֿערגעסען אין איהר, קיין וואונדער נישט: דאָס לעבען זיינס האָט די לעצטע צייט אָן גענומען אַזאַ ווענדונג, צום משוגע ווערען. ער האָט זי אָבער דאָרט שוין נישט געטראָפֿען.

ער האָט זיך דאַן אַרום געדרעהט איבער די שטובען נישט ווייסענדיג וואָס צו טהון פֿאַר לאַנגווייליגקייט. האָט ער זיך מיישב געווען, זיך אַוועק געזעצט אויף די קאַנאַפּע, אַרויס געצויגען פֿון זיין שטעקען אַ בליי שטיפֿט, און איבער רעכענט ווי לאַנג ער וועט נאָך לעבען. דער חשבון איז איהם אַרויס געקומען, פֿינף און נייינציג יאָהר מיט עטליכע חדשים.

אַנפֿאַנגס, זעהענדיג אַזאַ לאַנגען טערמין, האָט עס איהם אַביסעל פֿראָסערדען, פֿאַר וואָס פּונקט ער וועט דאַרפֿען אַזוי לאַנג לעבען;

און ער האָט שוין אָן געהויבען צווייפלען אויב ער וועט שטאַרבען נאַטורליך, נאָר שפּעטער האָט ער זיך בערוהיגט. און זיך אוים געצויגען איבער די גאַנצע לענג פון די קאַנאַפּע.

באַלד האָבען זיך יענע מחשבות אַלאָז געטהון אין זיין קאָפּ, און אין מח האָט זיך געמאַכט דער אַלטער פערשימעלטער מישמאַש. ווען למשל — האָט ער געטראַכט — אַי ווען למשל אַלע מענשען מאַכען אוים געשטאָרבען, און קיין פרישע מאַכען נישט צו געקומען, קען אויסקומען אַז איך מאַך געבליבען איינער אַליין אויף די גאַנצע וועלט. חאַ חאַ ... כ'בין וואַהנזיניג ... דאָס לאַכען מיינס איז אויך העסליך און פערקרומט ... אויף די גאַנצע וועלט! אַי ...

עס האָט איהם אַ צוק געטהון ביים האַרץ טראַכטענדיג דאָס. און די מחשבות זיינע, זיינע שפּיזען-שטעכענדיגע רעיונות האָבען זיך גענומען ערברייטערען. זיי האָבען געוואָלט ערשיינען אין אַ פאָרם פון אַ מעגליכע זאַך, פון אַ נאַטורליכע זאַך. אַ — אַ ... ווען עס זאָל געבוירען ווערען אַ נביא, אַ נביא וועלכען אַלע מענשען זאָלען איהם הערען, און אוים פאָלגען זיינע בעפעהלע, אָט אין אַ גלאַטען פריה מאָרגען הייסט מען די מאַשין אָב שטעלען, און אַלעס בלייבט לעהר ... אַלעס בלייבט לעהר! בנאמנות אַ קלייניגקייט: הונדערט יאָהר צייט און אוים; אוים, אוים, מענשען, נישטאָ קיינער! וועלכער טייוועל ברויך זיי דען. און — הונדערט יאָהר צייט נאָר — וואָס איז הונדערט יאָהר געגען די הונדערטער טויזענדער יאָהרען וואָס די ערד שטעהט שוין? אפשר האָבען שוין מענשען אַ מאָל אַזוי געמאַכט? אַהאַ, הונדערט יאָהר — און אוים! חאָ חאָ חאָ, משוגע, משוגע ... דאָס לאַכען מיינס מישטיינס-געזאָגט. מיין קאָפּ ... מיין קאָפּ ... חאַ חאַ חאַ ... נון ווייס איך וואָס כ'לאַך? מיר דאַכט זיך אַז דאָס רעדעלע אין מיין מח האָט זיך שוין באַלד אַריבער געדרעהט ... איך בין זיכער אַביסעל משוגע.. חאָ חאָ האָ... מעשה שטן ... עפּיס לאַכט זיך מיר היינט ...

ער האָט זיך האַסטיג אויף געשטעלט, צו געלאָפען צום טעלעפאָן, זיך ענטשולדיגט ביי פראַניאַ'ן, און געבעהטען זי זאָל אַרויף קומען. דערווייל האָט ער זיך גענומען לעזען אַ לעבענס געשיכטע (קיין

ראָמאַנען האָט מען שוין דאַמאָלס נישט געשריבען נאָר יעדער מענש האָט אָן געשריבען זיין לעבענס געשיכטע, און נאָך'ן טויט איז עס געוואָרען אויס געהאַקט אין קופער) ווען ער האָט די געשיכטע אָן געהויבען לעזען, ווען ער האָט נאָך די פּאָר רעדע געלעזען, האָט ער שוין בעמערקט אַז אַ טייל פון זיינע געדאַנקען געפינען זיך דאָרט, און ער איז אַזוי איבערראַשט געוואָרען, ער האָט זיך אַזוי געוואָרגען מיט די ווערטער וועלכע ער האָט דאָרט געפינען, אַזוי געוואָרגען... אַלעס וואָס ער האָט ביז יעצט געטראַכט, אַלע זיינע געדאַנקען האָבען זיך דאָרטען אָב געשפּיגעלט. דאַן האָט ער ערשט געזעהן אַז ער איז מיט אַזאָלכע מחשבות קיין יחיד נישט; ער האָט געזעהן אַז נאָך מענשען פערשטעהן דאָס לעבען אַזוי ווי ער. יאָ יאָ — נאָר ביחידות; יעדער פערשטעהט עס פאַר זיך, און שטאַרבט דערמיט... יעצט — האָט זיך איהם אויס געוויזען — איז נאָהענט די ווירקליכקייט פון אַלע זיינע חלומות. יעצט איז ער שוין מיט זיין געדאַנק זיכער געווען. אָט זענען דאָך דאָ נאָך מענשען וואָס פערשטעהן דאָס, און פערלאַנגען דאָס. סוף כל סוף מוזען אַלע צו דעם קומען... סוף כל סוף מוז די זאַך אַרויס בולט... סוף כל סוף... סוף כל ס...

די געשיכטע איז איהם פון האַנד אַרויס געפאַלען, אָבקלינגענדיג דומפּפיג אויף די פּאָדלאָגע, און ער איז געבליבען אָנמעכטיג. אין דעם זעלבען מאָמענט איז פראַניאַ אַריין געקומען, און איז צו איהם צו געגאַנגען, זי האָט אָבער אַנפאַנגס זיין בעוועגונגסלאָזעס שטילעס ליגען נישט פערשטאַנען: די לעצטע צייט איז ער אַזוי בלאַס געווען אַז דאָס וואָס זי האָט איהם געזעהן יעצט ליגען אַזאַ בלאַסען, האָט אויף איהר קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט, און זי האָט אָן געהויבען רעדען צו איהם. ער איז אָבער געלעגען מיט גרויסע אָפענע אויגען קוקענדיג אויף איהר, און האָט נישט געענטפערט, דאַן האָט זי ערשט פערשטאַנען וואָס דאָס איז. בליץ שנעל איז זי צום הילף־טעלעפאָן צו געלאָפען און אָן גע־הויבען הילף רופען, נאָכהער צו געלאָפען צו מאָריץ'ן און אָן געהויבען שאָקלען זיין האַנד וועלכע האָט אַראָב געהאָנגען ווי אַ אונטער געבראָכענע צווייג. ער ווידער האָט אַלעס געזעהן, אַלעס געהערט, און געפיהלט

נאָר נישט געקענט מאַכען די מינדעסטע בעוועגונג. אונדערדעסען, דרייסיג סעקונדען נאָך דעם ווי זי האָט אָן געהויבען הילף רופען, זענען אַרויף געקומען פינף דאָקטוירים שנעל ווי שדים זענען זיי צו איהם צו געלאָפען, איהם בעטראַכט און זיך אַוועק געזעצט ביי פראַניאַ'ן צייגענדיג איהר אַז אַלעס איז אין אָרדנונג. און פראַניאַ, חאָטש בלאַס איז זי שטענדיג געווען, איז אָבער יעצט יעדער טראָפּען בלוט וואָס זי האָט פערמאָגט אין געזיכט, פון איהר אַרויס געלאָפען, און זי איז געבליבען במעט אַזוי בלאַס ווי מאָריץ.

דער אַלטער האַלב ווילדער מענש, וועלכער איז אויך מיט זיי מיט געקומען איז געשטאַנען צו קוקענדיג די דאַנדלונג, און דאָס גוטסקייט, דאָס איבערגעבענהייט פון די דאָקטוירים האָט זיך איהם אַזש אוים געדאַכט האַלב נאַריש...

האָט ער נישט עפּים ערפאַהרען פון דעם געהיימנים? האָט איינער פראַניאַ'ן שטיל געפרעגט.

כ'האָב מורא אַז די איבערראַשונג וועט איהם ווידער אין אַ זאָלבע אומשטענדען ברענגען.

איך רעכען אַז ער איז אויך מיט אונזער מיינונג.

און מאָריץ איז וויטער געלעגען, אַלעס געזעהן און געהערט, נאָר קיין קראַפט נישט געהאַט אַ וואָרט אַרויס צו רעדען, פונדעסטוועגען האָט איהם זיין אָהנמאַכט פערגעניגען פערשאַפט...

איינער פון די דאָקטוירים איז צו איהם צו געגאַנגען, אַרויס גענומען אַפלעשעלע פון שאַנק און עס צו געשטעלט מאָריץ'ן צום נאָז. ער האָט מאָמענטאַל ערוואַכט, אַרום געקוקט זיך אין די שטוב מיט ווילדע געשטאַרטע אויגען. און געשטאַמעלט עטליכע אונפערשטענדליכע ווערטער.

וואָס איז דיר מאָריץ? מאָריץ... איז פראַניאַ צו איהם צו געלאָפען מיט טרערען אין די אויגען.

ער האָט אויסגעבראָכען אַ געוויין.

וואָס איז דיר מאָריץ? האָט זי וויטער געפליסטערט צוטערענדיג ווי אַ בלאַט.

מאריץ האט אבער רעדען נישט געקענט: טרערען האבען איהם געשטיקט; טרערען וועלכע האבען זיין שווערע הארץ עטוואס פערלייכטערט, און אן געפילט זיין גאנצען וועזען מיט א אונגעהויערע בענגע. ער האט געוויזען מיט די האנד אויף דעם שטיק קופער וועלכעס איז געלעגען אויף די פאדלאגע ביי די קאנאפע. אט דאס, אט דאס... האט מיך אזא שליידער געטהון... אה וועה...

אלע האבען זיך געוואנדען צו פראניא'ן ווי אין פערלעגענהייט.

פראניא האט אויף געהויבען דאס שטיק קופער, און עס אן געהויבען לעזען, דאן האט זי זיך געווענדעט צו מאריץ'ן: געפעלען דיר נישט דעם פערשטארבענעם'ס מיינונגען?

פערקעהרט – האט מאריץ שוואך געענטפערט – עס האט מיך ערהויבען, בעגייסטערט און ערפרעהט, איך אבער בין נישט אומשטאנד געוועזען דאס רוהיג אריבער צו טראגען. נאר ניין – האט ער זיך צוריק געכאפט – נישט די פרייד האט מיך אזוי שוואך געמאכט, נאר דאס וואס איך האב געזעהן אז נאך מענשען ליידען... די מענשען שטעהן פאר א אייזערנע וואנד! פאר א אייזערנע וואנד וועלכע די נאטור אליין האט מיט איהר קראפט אוים געארבייט, און מענשען קענען זי נישט צו ברעכען. ס'איז אבער לייכט די וואנד צו צערשמעטערען. יא יא ס'איז לייכט; בלוים מען דארף האבען מעהרערע דערצו... און איך זעה, און איך שווער ביי אלעם וואס מיר איז טייער, אז די וואנד שאקעלט זיך שוין, צו אלט און פערשימעלט איז זי געווארען... און איך ווייס אז יעדער קוקט אויף איהר מיט פעררדרוס און ערגער, אראב געלאזט די אויגען... אלע קוקען אויף די שמוציגע וואנד מיט שטוינען, מיט עגמת נפש; נאר דאס וואס דער מענש ווייס נישט אז זיין חבר האט אויך די זעלבע געפיהלען וואס ער, האלט ער זיך צוריק, און זאגט נישט זיין פערלאנג. אבער איך ווייס אז עס וועט זיך ענדיגען; חאטש נישט אזוי שנעל וועט עס זיין, אבער די צייט וועט קומען. די צייט וועט קומען ווען פלוצלינג אין א פריה מארגען וועלען זיך מיט כעס אלע א ווארף טהון אויף די וואנד, א שטארקען שטוים, און – צובראכען... צובראכען... אוים! איהר הערט? און פריי איז אלעם, און הפקר איז

אַלעם, און אַסוף.

אַלע האָבען צופֿרידען געשמייכעלט, און דער עלטסטער דאָקטאָר האָט איהם געבעטהען ער זאָל זיך נישט אָן שטרענגען, נאָר בעסער זיך לעגען שלאָפֿען, און שלאָפֿען אַפּאָהר שטונדען. דאַן זענען אַלע אַוועק געגאַנגען, און געבליבען איז נאָר ער מיט פֿראַניאַ'ן. זי איז צו געגאַנגען צו די וואַנד אויף געעפֿענט אַ קליין גאָלדען טוהרעלע פֿון וועלכען די שטוב האָט געקריגען אַ גריגליך־דונקעלן אויס זעהן. און עס האָט זיך אַ דינע ריינע שטומע ערהערט וואָס האָט אָן געפֿילט די שטוב מיט עדעלע נישט זעהר הויכע טענער. די מעלאָדיען זענען געוועזן אַזוי ווייך, אַזוי גלאַטיג... אין די ווערטער האָט זיך געהערט אַזאַ מיטלייד, אַזאַ מיטלייד... אַזאַ מיטלייד...

פֿיהלסטו מיין פֿריינד אַז עס בענקט דיר דיין האַרץ,
אָן געפֿילט איז עס מיטלייד...
פֿערמאַך דיינע אויגען, ניט קלעהר וואָס דאָס איז,
פֿערשלאָף נאָר די ביטערע צייט...

ער איז געלעגען מיט אַ אָפֿען מויל, זייענדיג אין גאַנצען פֿער־לוירען. און ער האָט זיך געפֿיהלט אַזוי גוט, אַזוי זיס, אַזוי גליקליך... זיין האַרץ האָט אַלע שווערע משאות אָב געלאָדענט, און זיך געבאָדען אין בוים עהל. דאַן איז איהם אַ שלאָף בעפֿאַלען, און האַלב איינשלאָפֿענדיג האָט ער ווייטער געהערט:

פֿיהלסטו זיך עלענד ווי ס'בוימעל אין פֿעלד,
וואָס ס'ברעכט עס און ס'שאָקעלט דער ווינד,
מאַך־צו דיינע אויגען קלעהר ניט וואָס ס'איז,
פֿערשלאָף נאָר די צייט אוי מיין קינד...

נאָך עטליכע שעה שלאָפֿען איז ער אַריין אין זיין באַדע־צימער זיך אָב געבאָדען, אַרום געוואַשען. נאָכהער איז ער צו געגאַנגען צום שפּיגעל אָב זיפֿצענדיג, פֿיהלענדיג זיך אַ ביסעל מינטערער, און איז אַרויס אויף'ן גאַניק.

ער איז ערשטוינט געוואָרען פֿון דעם וואָס ער האָט פּלוצלינג ערזעהן: זיין הויז, דאָס הייסט, דאָס הויז אין וועלכען ער האָט

געוואָהנט, האָט אויס געזעהן גאַנץ אַנדערש פון אַלע הייזער, און איז אַרום און בעהאָנגען געווען מיט מיליאָנען בלומען-קרענץ, מיט צענדליגנער טויזענדער פאָטאָגראַפיען און צעטעלעך. דאָן איז זיין אויג געפאַלען אויף'ן נאָרטען. אַלע ביימער מיט ווייסע גרויסע שלייפען פער-שלייפט; און איבער זיין הויז אין דער לופטען האָבען געפלאַטערט ווייסע פענער מיט שוואַרצע אויף-שריפטען: דער לעצטער מענש!

ער איז צוריק געפאַלען אין אַ שטוהל, איהם האָט זיך געדאַכט אַז ער שלאָפט, אַז ער טרוימט דאָס וואָס ער האָט שטענדיג אין זינען געהאַט. אָט ריכטיג — האָט ער געטראַכט — איך געדענק נאָך דאָס ליעד וואָס איך האָב געהערט ווערענד איך בין איינגעשלאָפען: פערמאַך דיינע אויגען, ניט קלעהר וואָס דאָס איז; ניט קלעהר פערשלאָף נאָר די צייט ... אָך — האָט ער ווי אַ קינד געוויינט — ווי ס'לעבען פערפאָלגט מיך אַפילו ווען איך שלאָף. אַזאַלכע טרוימען ... אַ זאַלכע טרוימען ... אַ זאַלכע טרוימען ... און — ווען — איך — וועל אויף קומען — זיך אַרום קוקען — אין די ווירקליכקייט — אַז אַלעס איז אַזוי ווי פריהער ... אַז מיין האַרץ איז אָן געפילט מיט שטיינער ... וועל איך שוין אין גאַנצען אַראָב פאַלען צום שוואַרצען אָב גרונד ... דאָרטען וועל איך זינקען, דאָרטען וועל איך טאָפּען ... ווי שווער מיר איז. אָך גאָט! מיין האַרץ פּלאַצט אין טרוים אויף צוויי. איך שלאָף ... איך שלאָף ... אָט געדענק איך נאָך די פאָרטזעצונג פון ליעד וועלכע איך האָב וואַרשיינדליך אין שלאָף שוין געהערט ... ווי דורך אַ נעבעל זעה איך פּראַניאַ'ן עפּיס ווי אַבת קול הער איך דאָס ליעד ... איך קען זיך נישט עראינערען ... אָה באַלד ...

און פיהלסטו אוי ברידער אַז לייכט איז דיין האַרץ,
נעם פון דעם לעבען וואָס ד'קענסט ...
פיהלסטו אַז ס'פרעסט דיר אַ בענגע דיין האַרץ,
קלעהר גאָר נישט צו וואָס דו בענגסט ...

פּלוצלינג האָט ער געזעהן פינף מעדליך זיך ערגענטערען צו איהם אויף ווייסע באָציאַנעס. אָט יעצט זעה איך דאָך אַז כ'טרוים — האָט ער געפליסטערט צווישען די ציין — אַ טרוים ... ס'איז שרעקליך ...

ווי שענער דער טרוים וואס מיאוסער דער הקיץ ... הם ... הם ...

אונטערדעסען האבען זיך די מעדליך לאנגזאם ערנעטערט . פינף מעדליך ווייסער פון שנעה, דאס זענען די פינף שעהנהייטען פון דער וועלט געווען. ער איז ווי פערשטיינערט געבליבען, און האט געגען זיי זיינע אויגען נישט געקענט אויף הויבען. ער האט זיך אכח אן געטהון, און א קוק געטהון: לאנגע שווארצע האהר ווי סמוט'נע פעדערען צו לאזט און פערוואָרפען איבער זייערע שולטערען, גרויסע שווארצע לייכטענדע אויגען. א שוידער איז דורך זיינע ביינער א דורך געלאפען זעהענדיג דאס בילד. זיי זענען געזעסען אין דער לופטען, אויף זייערע קערפערס זענען געווען דורכזיכטיגע קלארע שאלען אויף וועלכע ס'איז אויסגענעהט געווען מיט שווארצע בוכשטאבען: דער לעצטער מענש!

מאריץ איז נאך אלס פערזונקען אין זיינע מחשבות אויף דעם שטוהל געזעסען, ער האט נאך אלס נישט געוואוסט אויב ער טרוימט אויב עם איז אין דיווירקליכקייט. דאן האט זיך איהם אונווילענדיג ארויס געריסען פון זיין מויל: קומט אהער נעהנטער... קומט נעהנטער...

זיי האבען ביי די ווייסע זיידענע לייצעס א ציה געטהון, און זענען צו איהם נאהענט צו געקומען, דאן זענען זיי מיט איהם אריין אין די שטוב, ווי ארום די וואנד זענען גרינע ריבענדע פרוכטען ביימער געשטאנען. זיי האבען זיך געזעצט אויף די שטוהלען ארום טיש, און ער איז געשטאנען ווי אין פערלעגענהייט נישט וואוסענדיג וואס אן צו הויבען רעדען. ער האט זיינע אויגען פראגענד אויסגעשטעלט און באלד האבען זיך אנשטאט א אנטווארט פינף פייערדיגע פענער אויף געהויבען אין דער הויך, אויף וועלכע ס'איז אויך געווען די זעלבע אויפשריפט וואס אויף די ערשטע.

מאריץ, אין גאנצען ציטערענד ווי אצווייג אויף א ווינד, האט קוים געשעפטשעט: ערקלעהרט מיר דאס דייטליכער... כ'בעהט אייך... שהוט א געפעליגקייט א געפלאגטען ליידענדען מענשען, וועלכער ליידט אזוי שרעקליך... ער – קלער – ט מיר...

און זײ האָבען איהם ערקלערט: טויזענדער יאָהרען געהט זיך דאָס וועלט=ראָד איהר וועג, אָהנע שום אָב האַלט, אָן שום אָבשטעלונג. אײנער ווערט געבוירען, לאָזט ער איבער זעקס אַנדערע און שטאַרבט. פון דעם מענשענס עוויגקײט פיהרט עס זיך שוין אַזוי. די מענשען האָבען אַ אונגעהויערע צאָהל ערגרײַכט ... פויהר לײדער עס האָט זיך אָן געהויבען דאָס מענשליכע ענטוויקלונג, איז אַלעס וויעסט געווען, די גאַנצע ערד איז מיט בוימער און גרעזער בעוואַקסען געווען. שטיל רוהיג האָבען די בוימער גערוישט ... שטיל רוהיג האָט דאָס וואַסער געפּליעסט ... שטיל ... שעהן – האָבען אָבער די מענשען גענומען די ערד צו בעהערשען זי ... האָבען אויסגעהאַקט די בוימער, און אויף זײערע שטעלען הײַזער געשטעלט, גאַסען געמאַכט, און עס האָט זיך אָן געהויבען אַ הו – האַ! מען האָט יעדע זאַך פון די ערד אָן געהויבען אויס נוצען; מען האָט געמאַכט פערשידענע אינסטרומענטען; מען האָט אײַנגעפיהרט אַ פערקעהר אויף'ן ים, און אין דער לופט ווי אויף דער יבשה. מען האָט די ערד אין אַ פרעכטיגען פּאַראַדיז פערוואַנדעלט, און אויס די אַלע זומפּען, דערנער, טאָהלען, האָבען מיר אַ גן עדן געמאַכט. און אַזוי שוין טויזענדער יאָהרען ... די אַלע מענשען אָבער וועלכע זענען דאָ געווען, און פערלוירען געגאַנגען האָבען זיך שטענדיג געפרעגט: צו וואָס טויג דאָס אַלעס? האָט מען זײ געענטפערט אַז אַלעס פיהרט זיך צו אַ געוויסען ציעל, און ווען די געוואונשטע צײַט וועט קומען וועט מען זעהן צו וואָס דאָס אַלעס איז נויטיג געווען.

ענטשולדיגט – האָט מאָריץ שוין דרײסטער גערעדט – און ווען עס זאָל אַפילו אמת זײַן אַז דאָס אַלעס פיהרט צו אַ ציעל, האָב איך זיך מײַן טענה, אַז איך וויל אין די מאָהל=צײַט וואָס שפּעטער וועט פאָרקומען, קײן אַנטײל נישט נעהמען, ווײַל סאַי ווי סאַי, וועל איך די מאָהל=צײַט נישט בײַוואָהנען, און דאַרף זיך אַלזאָ נישט פאָרען דאָ אַרום.

גאַנץ ריכטיג; די וועלט איז יעצט אין דרײַ טײלען געטײלט. אײן טײל זאָגט: אמת טאַקע אַלעס פיהרט צו אַ ציעל, אָבער

וואָס דאַרפֿען מיר זיך אָן ליידען דאַפֿיר. דאַמאָלס ווען מיר זענען נישטאָ, ווייסען מיר דאָך נישט פֿון קיין ציעל, פֿון קיין וועלט. מיר מאַרטערען זיך אַלזאָ גאַנץ אומזיסט.

דער צווייטער טייל זאָגט: קיין ציעל, קיין שטרעבען, גאָר נישט. אַזוי האָט עס זיך געטראָפֿען, און אַזוי פֿיהרט עס זיך, און מיר האָבען דאַרום נישט קיין שום אורזאַכע די עקזיסטענץ פֿאָרט צו זעצען.

דער דריטער טייל זאָגט גאַנץ אַנדערש: וואַרשיינליך ווייס די נאַטור וואָס זי טהוט, נאָר מיר בעגרייפֿען עס נישט, און דאַרום ווען מיר וועלען די עקזיסטענץ אָב שטעלען, וועלען מיר זעהן אויב די נאַטור וועט אָן נעהמען מיטלען דאַגעגען. וועט זי קיינע מיטלען נישט אָן נעהמען, וועלען מיר וויסען אַז אַלעס איז אָן אַ ציעל, און מיר געהן אונטער.

יעדענפֿאַלס זאָגען אַלע: גענוג.

בעזונדער איז די יעצטיגע צייט געוואָרען אַ קריטישע, די בעפֿעלקערונג האָט זיך מיט פֿונפֿציג פּראָצענט פֿערקלענערט. ווי פֿיעל לעבענס-געשיכטען מען לעזט, געפֿונט מען נאָר איין און דעם זעלבען בענעהר. דער וועלט-קאָמיטעט האָט אַלזאָ מיט צוואַנציג יאָהר צוריק בעשטעטיגט אַז דאָס געבורט מוז אויף הערען. און איהר זענט אַלזאָ יעצט דער לעצטער מענש וואָס איז געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט ... מיט דריי פֿיערטעל שטונדען שפּעטער פֿון אַלע זענט איהר געבוירען געוואָרען, און ס'איז בערעכענט אַז גענויע צעהן יאָהר זועט איהר לעבען לענגער פֿון אַלע. וויל אַלזאָ דאָס פֿאָלק הערען אייער מיינונג, און דער וועלט-מאַן טרעהט אייך אָב זיין שטעל. מיר בעטען ענטשולדיגונג פֿאַר דאָס וואָס מיר האָבען עס ביז יעצט פֿון אייך פֿערבאָרגען: דער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען אייך דאָס צו זאָגען ערשט דאַמאָלס ווען איהר וועט אַלט ווערען צוואַנציג יאָהר.

אַנפֿאַנגס האָט ער כמעט זייערע ווערטער נישט געהערט, וויל זיין קאָפּ איז געווען פֿערנומען מיט דעם וואָס זיי זאָגען איהם אויף איהר. נאָר ווען זיי האָבען געענדיגט, האָט ער אָן געהויבען יאָמערליך צו וויינען. און זיין קאָפּ איז זיקענדיג אויף זיין ברוסט געפֿאַלען.

אַלע זענען פון זיין ווייַנען געריהרט געווען, און — רעכענענדיג אַז ער וויינט ווייַל עס איז געגען זיין מיינונג, האָבען זיי איהם אויף דאָס וויינען געפרעגט.

לאַנג האָט געדויערט ביז ער האָט אַ וואָרט געקענט אַרויס רעדען, און ווען ער האָט גערעדט איז עס געווען אַזוי שטיל אַז זיי האָבען קוים געהערט.

שוין לאַנג, שוין לאַנג, האָב איך — געטרוימט — פון — אַזאַ ענדע ... פון — אַזאַ — ענדע ... כ׳בעט אייך, איבערצייגט מיר אַז אַלעס איז אין די ווירקליכקייט ... מיר שיינט — איך — איך טרוים ... איך בין דערלעצטער מענש! וואָס נאָך הייסט גליק ווען מען ערדייכט פלוצלינג דאָס, אויף וועלכען מען האָט יאָהרען לאַנג געטרוימט, און ס׳האָט אוים געזעהן אונמעגליך דאָס צו ערווארטען ... פאַר וואָס האָט איהר מיר פויהר נישט געזאָגט? איך זעל אייך דאָס קיינמאָהל נישט מוחל זיין. פאַר וואָס האָט איהר פערבאָרגען פון מיר די לעצטע העכסטע מענשענס־אידעע? ווער האָט דען אַזוי פיעל געליטען ווי איך? איך דער לעצטער! איך דער לעצטער! פאַר וואָס שווייַגען יעצט ערד און הימעל? פאַר וואָס ווייַזען זיי קיין פרייד נישט אַרוים? אַ אַ — ס׳איז אַ חלום, ס׳איז אַ חלום ... אוי ווי שווער ... ניין ניין, ס׳איז אין די ווירקליכקייט! אין די ווירקליכקייט! ענדליך ענדליך האָבען זיי זיך מיישב געווען; ענדליך ענדליך בלייבט אַלעס פריי ... פריי ... און לעהר וועט יעצט זיין גאָט׳ס וועלט ... און וויסט ... זאַי צופרידען אַלטער פאָטער, געה — דו — אויך — אַוועק אויף עוויג ... אָה יעצט ערשט פערשטעה איך אַלעס ... נאָר — איהר האָט נישט ערצעהלט ... פאַר וואָס, פאַר וואָס האָט איהר מיר נישט ערצעהלט?

מיר האָבען דיין מיינונג געוואָלט הערען שוין אַלס ערוואַקסענער מענש.

האָט פון דעם קיינער נישט געוואוסט? האָט ער געפרעגט שלינגענדיג זיינע טרערען.

אַלע האָבען געוואוסט.

און קיינער האט נישט געזאגט. קיינער פון די גאנצע וועלט מענשען האט מיך נישט געוואלט ערפרעהען... מען האט מיך געזעהן אזוי ליידען... און אלע האבען געשוויגען.

אלזא ווען די זאך איז אזוי וועלען זיך אלע מענשען אויף באצייאנעם צו זאמען קומען, און דו וועסט דיין מיינונג ארויס געבען.

ווען... ווען זאל דאס זיין... ווען וועלען זיי צו זאמען קומען?
האט ער געפליסטערט.

מארגען צוועלף.

ווען זיי האבען געמאכט א בעוועגונג אוועק צו געהן האט מאריץ ערשט זייערע פיגורען בעטראכט, און ס'האט איהם ווידער אויף גע־שווימען דאס ליעד וועלכעס ער האט געהערט ווען ער איז אנטשלאפען געווארען: פיהלסטו אוי ברודער אז לייכט איז דיין הארץ, פון לעבען אוי נעם וואס דו קענסט, און ער האט זיך איינגעגראבען מיט זיינע אויגען אין זיי. זיי, זעהענדיג אז ער האט פערגעניגען פון זיין קוקען, האבען זיך אביסעל אויף געהאלטען, און נאך א קליינע שטילע פויזע איז ער צו געגאנגען צו איינע פון די פינף שעהנהייטען דער וועלט, רעדענדיג צווישען די ציין מיט שעמעוודיגע אראב געלאזענע אויגען: איהר זענט אזוי שעהן. פיליישט — הא. פיליישט קענען מיר זיך אמוזירען...

דיר פאסט צו זיין א געבוירענער מיט טויזענד יאהר צוריק: ווארום רעדסטו אזוי שעמעוודיג? ס'איז נאטורליך. ווען די נאטור האט אונז מיט אזאלכע געפיהלען בעשאפען, דארפען מיר זיך פאר זיי נישט שעהמען...

און דאס — האט מאריץ זיך געשטיקט מיט די ווערטער — יא — און דאס... וועט זיך נישט עפים —

א הילכענד געלעכטער האט איהם איבערהאקט, און זיינע אויערען פערקלונגען — חא חא חא — אויף וואס דו קלעהרסט נאך, אלעס איז שוין ערלעדיגט. מיר זענען די לעצטע! שוין צוואנציג יאהר ווי קיין מענש איז נישט געבוירען געווארען...

זיי האבען זיך אמוזירט...

מיט צוואַנציג מינוטען שפּעטער, האָבען אַלע מענשען פון די גאַנצע ערד, געוואוסט אַז מאָרגען אום צוועלף מיטאָג זאָלען זיי צו זאַמען זיין. און ער, פאַר פרייד, האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהון. ער איז צו געלאָפען צום רעגיסטער, און צו זאַמען גערופען פיעל פון זיינע בעקאַנטע אין גאָרטען אַריין. פיעל זענען געקומען צו רייטען אויף פערד, פיעל זענען געקומען אויף אָטאָמאָבילען, פיעל אויף באַציאַנעס, און זיי אַלע האָבען געשיט מיט וויצען: די זונן וועט שיינען פאַר די פערד; די ערד וועט עסען די פרוכטען פון די בוימער; מיר איז נאָר אַ שאָד די טעאַטער גאַס; און איך וואונש זיך נאָר פויהר צו שטאַרבען ווי אָט די מעדיל — האָט איינער געזאָגט אָן וויי־זענדיג אויף אַ לוסטיג מעדיל פון די געזעלשאַפט, האָטש ער האָט גוט געוואוסט אַז ער וועט לענגער לעבען פון איהר. אַזוי זענען זיי זיך געזעסען וויצלענדיג, און מאָריץ האָט זיך שוין נישט געקענט ערוואַרטען צו זאַמען צו זיין מיט אַלע מענשען אין דער לופטען צווישען הימעל און ערד... ער האָט זיך דעם טאָג עפּיס יום טוב׳דיג געפיהלט, ווי ער מאַכט עפּיס הייליגעס עררייכט. און זיין לעבען האָט דאַן אַ גאַנץ אַנדערע ווענדונג אָן גענומען.

ווען זיי זענען זיך צוגאַנגען האָט זיך מאָריץ שלאָפען געלעגט, אום פרישער אויף צו שטעהן, און זייענדיג בעשכור׳ט פון גליק איז ער גלייך אַנטשלאָפען געוואָרען.

ווען ער איז אויף געקומען, האָט שוין צו מיטאָג־שעה קיין סאַך נישט געפעהלט. ער האָט בעמערקט אַז אין שטוב איז עפּיס דונקעלער געוואָרען ווי שטענדיג, דאַן איז ער צום פענסטער צו געלאָפען, און געזעהן ווי אַ שוואַרצער וואָלקען פון מענשען איז אונטערען הימעל פער־שפּרייט, וואָס אַ מאָהל ווערט דער וואָלקען גרעסער און געדיכטער, און אונטען ווערט וואָס אַ מאָהל דונקעלער. דאָך איז ער נאָך אַלס אין זיין גאָרטען געזעסען. נאָר ווען ער האָט ערזעהן אַז אויבען אונטער די מענשען פלאַטערט אַ גרויסע ווייסע פאָהן מיט די אויפ־שריפט: מיר בעגריסען דעם לעצטען מענש! איז ער גלייך אַרויס. דער וועלט־מאַן האָט איהם געבעטען פליהען עטליכע עהלען העכער

פון אַלע, אום אַלע זאָלען איהם קענען זעהן. ער האָט זיך הענכער אויף געהויבען, איבער איהם האָט געשוועבט אַ אָדלער האַלטענדיג אַ פאָהן אין מויל. דאַן האָבען אַלע אָן געהויבען שפּיעלען.

ווען עס האָט זיך דער ערשטער קלאַנג פון שפּיעלען ערהערט האָבען אַלע אָן געהויבען וויינען. און מאַריץ זיינענדיג איבערפילט מיט גליק האָט גאָר אויפס'ניי אַ שטראָם טרערען געגאָסען. ער האָט געזעהן אַז זיינע טרערען פאַלען אויף די מאַסע מענשען אַראָב, און ער האָט געזעהן ווי עס שטראַהלען די געזיכטער פון אָט די אַלע מענשען...

זיי די מענשען האָבען עפּיס געפיהלט, עפּיס אַ זאַלכעס וואָס מען קען נישט איבער געבען. זיי האָבען געזעהן אַז זיי האָבען דעם העכסטען שפּיץ פון גליק עררייכט, זייערע הערצער זענען מיט אַ מאָהל צו גאָסען געוואָרען, און דאָס וויכטיגסטע האָט זיי אַזש צו טרערען געבראַכט. אָבער די טרערען זענען נישט געוועזען פאַר שמערצען, זונדערען פאַר פרייד... פאַר מתיקות... און מאַריץ האָט אין גאַנצען זיך געשאָקעלט: ער האָט געזעהן אַז אונטען, די ערד, איז נאָס געוואָרען פון טרערען... די ערד איז מיט מענשענס טרערען ווי פון אַרעגען בעגאָסען געוואָרען; און ער האָט זיך פערלוירען... דערצו דאָס שפּיעלען, דאָס אָב שפּיגלונג פון די גאָלדענע זונען־שטראַהלען אויף די פערשידענע אינסטרומענטען, האָט זיך איהם אוים געזעהן ווי עס מאַכט זיך געעפענט אַ הימעל פון לויטער מלאכים, און זיי רעדען צו איהם דורך טענער פון מוזיק... אַ לייכטער וואָלקען האָט זיך איבער זיי פערשפּרייט מחמת די פאַרע פון שפּיעלען. און נאָך צוואַנציג מינוטען שפּיעלען איז אַלעס שטיל געוואָרען. נאָר מאַריץ האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געפיהלט דאָס מוזיקאַלישע עכאָ אין זיינע אויערען קלינגען.

דאַן איז אויך דער וועלטמאַן אַרויף צו מאַריץ'ן, האָט אַרוים גענומען אַ גרויסע רעהר, און אָן געהויבען אַריין רעדען אום אַלע זאָלען קענען הערען. אַ אונגעהויערע הויכע שטימע האָט זיך געהערט: לעצטער מענש — מיר האָבען דיר אַלעס איבער געגעבען, זאָג ביזטו נישט דאַנקען?

ביין... ניין... ניין... האָט ער קוים אַרוים געפּליעסטערט.

בעגרים איך דיך אַלזאָ אינם נאָמען דער מענשהייט, און מיר וואונשען דיר אַ גוטע ענדע ... גלייכצייטיג ווילען מיר פאַר דיר עפּים טהון, אום דו זאָלסט האָבען די צעהן יאָהר וועלכע דו וועסט זיין אַליין מיט עפּים צו פערברענגען. נאָר מאָריץ — זאָג אונז צו אַז דו וועסט נאַטורליך שטאַרבען.

אַגוטע ענדע ... אַגוטע ענדע ... האָבען אַלע מיט איין מאָהל אוים גערופען.

מאָריץ׳ס קאָפּ איז געפאַלען זינקענדיג, און ער איז געזעסען ווי אַ קינד וועלכעם האָט געקריגען דאָס, אויף וועלכען עס האָט זיך יאָהרען לאַנג אָן געווייגט. די טרערען האָבען נישט אויף געהערט צו שטראָמען פון זיינע אויגען, און מיט אַ געהאַקטע צוטערענדע שטימע האָט ער געפליסטערט:

יאָהרען לאַנג ... יאָהרען לאַנג, האָב איך געבלאָנזעט און געטרוימט ... יאָהרען לאַנג האָב איך געזינקען און אַים פון מיינע אייגענע ברענענדע מחשבות, און די מחשבות האָבען געברענט מיין פערוואונדעט האַרץ ווי קאָבענדיגעם פעך ... איך האָב זיך געוואָרפען, כ׳האָב זיך געצאַפּעלט ווי איינער וועלכער הענגט אויף אַ שטריק ... איך האָב געטרוימט — איך האָב אָבער נישט געוואוסט וואָס איך טרוים. איך האָב געבענגט — נישט וואוסענדיג צו וואָס ... מיין האַרץ און מיין מוח האָבען מיך געצויגען נישט וואוסענדיג וואָהין ... איך האָב געטרוימט אַז סוף כל סוף וועלען מענשען איינזעהן אַז אַלעם איז צוועקלאָז, און זיי וועלען אונטער געהן ... אָבער דער טרוים איז געוועזן ווי דורך אַ רויך, און די זאַך האָט זיך מיר אוים געזעהן נאָך וויַיט צום ערפילען ... איך האָב געבענגט צו דעם, נאָר מחמת די וויַיטקייט פון וועג האָב איך נישט פערשטאַנען אַז דאָס איז די ריכטיגסטע אורזאַכע פון מיין בענגען ... אמת, איך האָב געוואוסט אַז זיין וועט עס, איך האָב אָבער אויך געוואָלט מיט מיינע אייגענע אויגען זעהן דעם סוף ... און דאָס האָט זיך מיר אויסגעזעהן פאַר אונמעגליך ... דער וועג האָט זיך מיר אויסגעזעהן אַזוי וויַיט, אַזוי וויַיט ... מיט אַזוי פיעל צוימען ... מיט אַזוי פיעל דערנער ... און יעצט, אָה יעצט! ווען איך זעה אַז פון די וויַיטע טרוימען זענען נאָהענטע ווירקליכקייטען

געוואָרען; יעצט ווען איך זעה עס מיט מיינע אייגענע אויגען. פיהל איך אַז דאָס, אָט דאָס איז עס צו וועלכען איך האָב געבענגט... יעצט פאַל איך. יאָ יאָ, איך פאַ, — מיר דוכט זיך אַז איך חלום, אַז דאָס אַלעס איז אַ פערשטעלטער טרוים, אַ פערבייגעהענדער ווינד וועלכער בלאָזט פון זיך זיסקייט און פערגעניגען אַראָב. מיר ווילט זיך יעצט וויינען און לאַכען צו זאַמען... איז עס אַ חלום, אָה גאָט! איז עס אַ חלום — טאָ לאָז מיך שטאַרבען אונטער איהרע טרוימענדע פליגלען. לאָז מיך שטאַרבען... איך וויל דעם הקיץ נישט זעהן... עס איז דאָך אָבער אַלעס אין די ווירקליכקייט! יאָ יאָ איך זעה יעצט אַלעס מיט מיינע אייגענע אויגען, און ווי פרעהט עס מיך — — — ווער קען פיהלען די פריידע קראַפט וועלכע קאָכט און ברויזט אין מיין האַרץ. ווען צו דער זאַך וואָס איך האָב יאָהרען לאַנג געשטרעבט און עס האָט זיך מיר אויס געזעהן אונמעגליך צו ערגרייכען. און פלוצלינג, אָה גאָט! ווי אַ וואָלקען מיט זונען-שיין, ווי אַ ים מיט אונגעהויערע גליקליכע טעג מאַכט זיך אויף מיר אויס געגאָסען. איך האָב דעם ציעל ערגרייכט! איך — איך... דער לעצטער מענש. האַ? נון זאָגט מיר, מיט וואָס קען איך מיין פרייד אַרויס געבען? מיר ווילט זיך יעצט פאַלען יעדען בעזונדער צו די פוס, צודריקען איהם צו מיין ברוסט, און אַזוי האַלזענדיג אָן זעטיגען יעדען מיט מיין פרייד. חאָטש נאָך נישט פאָלקאָמען איז מיין פרייד... איין ווינקעל אין מיין האַרץ איז נאָך נישט פערהיילט: מיך פערדריסט, פאַר וואָס זאָלען די פערגאַנגענע מענשען פון עוויג אָן נישט זעהן און פערשטעהן וואָס ס'איז געוואָרען... פאַר וואָס זאָלען זיי נישט וויסען אַז מיר האָבען די נאַטור בעהערשט?

ער איז שטיל געבליבען, און נאָך אַ קליינע פויזע האָט ער ווייטער געשעפטשעט: ברודער... איהר ווילט עפּיס טהון אום צו פערוויילען מיינע עלענדע לעצטע צעהן יאָהר? ניין — פאַר מיר איז יעדער טהאַט איבריג. טויזענד יאָהר בין איך אויך פעהיג צו לעבען איינזאַם, ווען איך ווייס אַז אַלעס איז געענדיגט... טויזענד יאָהר וואָלט איך זיך מיט טריאומף אַרום געדרעהט, געלאַכט און געשפּאַסט

אוים די הייליגע נאַטור. איך לעג פאָר עפּיס אַנדערש: אויף צו מויערען אַ טורם אין וועלכען עס זאָלען זיך געפונען אַלע עקזיסטירענדע זאַכען וועלכע מענשען האָבען אויס געאַרבייט; און שטאַרק געמויערט זאָל עס זיין, אַ עוויגקייט זאָל עס זיין. וועלען מיר די ערד אַ לאַנגעס אַנדענקען איבער לאָזען ... און ווען מיט אַ פּאָהר טויזענד יאָהר שפּעטער עס וועט זיך ווידער וועלכעס בעשעפעניש אַרויף רייסען אויף די גאָלדענע שטעכענדע לייטער, זאָלען זיי זעהן ... זאָלען זיי וויסען ... איך ענטשולדיג אייך פאַר דאָס וואָס איהר האָט מיר די בשורה פויהר נישט אָן געזאָגט; און איך וואונש אייך אַ גוטע ענדע ... אַ גוטע ענדע ...

דאַן האָט אַ נייער שטראָם טרערען פון זיינע אויגען געפלאָסען.

אַלע האָבען געשוויגען, פונקט ווי זיי מאַכען נישט געוואָלט מיט עפּיס אַרויס גערעדט וואָרט אַ הייליגטום פערשוועכען. זייענדיג בעגייסטערט פון זיין ערצעהלען, און פון זיין פּלאַן. און עס איז באַלד בעשלאָסען געוואָרען אַז אין פינף טיילען דער וועלט אויף די העכסטע ערטער זאָל מען פינף טורם׳ס אויף מויערען, יעדער, פיער מייל קוואַדראַטנע, און דריי וויאָרסט די הויך. יעדענס לעבענס געשיכטע פון די יעצטיגע עקזיסטירענדע מענשען זאָל מען אויס האַקען בולט אויס גאָלד, און ס׳זאָל אויך דאָרט אויף עוויג בעהאַלטען ווערען. דאַן איז בעשלאָסען געוואָרען אויף איין טורם גאַנץ אין דער הויך פאַר מאָריצ׳ן אַ קבר צו מאַכען. אויך זאָל אַרום און אַרום פון די מויער שטעכענדע שפּיזען אַרויס שטעקען, אום בעשיצט צו זיין פון די נאָכקומענדע חיות.

נאַכהער האָט דער וועלטמאַן אויס גערופען אויס צו נוצען מיט כל׳ערליי מעגליכע זאַכען, אַלע פערגעניגענס, און די לעצטע יאָהרען זאָלען איין לאַנגער יום טוב זיין. אפשר איז יעמאַנד געגען דעם טהאַט דאַרף ער זאָגען.

קיינער האָט נישט געענטפערט.

זענט איהר אַלע איינשטימיג?

אַלע — אַל — ל — לע! האָט זיך געהערט ווי דינערען.

דער וועלטמאַן האָט געמאַכט אַ צייכען, און אַלע זענען ווי פייגעל צופליגען. געבליבען זענען נאָר זיי ביידע.

וואס רעכענסטו יעצט צו טהון? האט דער וועלטמאן איהם געפרעגט.

איך רעכען אדורך רייזען די וועלט – איך האב פשוט מורא אויב ס'איז ערגיץ וואו נישט עפיס א אונענטדעקטע אינזעל געבליבען ווי עס וואהנען נאך מענשען.

אט האסטו – האט דער וועלטמאן צו איהם געזאגט צייגענדיג א גלאבוס – דא איז יעדע עהל ערד בעצייכענט, וואו עס ליגט א וואסער, וואו א שטיין, וואו א וואלד. אלעס האסטו דא.

יעדענפאלס ווילט זיך מיר די וועלט אדורך רייזען. און גאנצען דארף עס נאר צוויי וואכען דויערן. ווען עס איז דיר נישט אנגענעם אליין דא צו זיין, וועסטו פיליייכט מיט רייזען?

דער וועלטמאן האט איינגעשטימט, און זיי האבען זיך גענומען רייזען.

דער גאנצער ערד קוגעל האט ווי א פאנטאסטישער פאראדיז אויס געזעהן, וואס נאר מלאכים האבען עס אויס געקלעהרט, און צו זאמען געשטעלט. איין לאנגע גאס איבער צעהנדליגגע מיילען, יעדעס הויז א גרויסען גארטען, אין יעדען הויז איין מענש, יעדער גארטען פערשיעדענע פייגעל, פערשיעדענע חיות. די זון האט ליכטיג אוןווארם געשיינט, די גאנצע ערד איז פול געפאקט געווע' מיט הייזער, מיט גערטנער, מיט בלומען, מיט קונסט, און שיפען – אזאלכע שעהנע שיפען. ער האט זיך צו געקוקט: דא אין דארט זענען מענשען ווי פייגעל ארום געפלויגען אויף באציאנעס; דא און דארטען זענען מענשען אויף'ן ים שפאצירען געגאנגען; אלע און אלעס האט איהם דאך אויס געזעהן לייד ענט צו זיין, און איהם איז ווידער אלעס ענג געווארען, אן שום אורזאכע, אן שום ערקלערונג.

צעהן יאהר זענען פערגאנגען. מענשען זענען ווייניגער און שיטערער געווארען, זיי האבען נאר געזוכט מיט וואס די צייט צו פערברענגען. אויס צו נוצען וואס מעהר אלע פערגעניגענס. וואס מעהר – מיט

אַלע קרעפּטען, מיט די גאַנצע כּחות געניסען פֿון פֿולען לעבענס בעכער. אַלע טאָג אַנדערע פֿערוויילונג, אַלע שעה אַנדערע בילדער, אַנדערע פּאַנאָראַמעס, אַנדער נייעס. הונד מיט ליבען האָבען פֿערשטאָרבענע מענשען אויף ווייסע וועגעלעך צו קבורה אַרום געפֿירט. אין מיטען דער וועלט איז דער גרעסטער טורם געשטאַנען; אַ ריזענדיגער, אַ טריאומפֿירענדער האָט ער אויס געזעהן. אַרום דעם טורם אַ הונדערט עהלענדיגער וועג, פֿון ביידע זייטען שעהנע וואַלד בוימער, אַלעס האָט זיך געצויגען אַרום דעם טורם, רונד. און ווען מאָריץ האָט פֿון דער הויך דעם טורם וואָס האָט ווי אַ דורך געבראָכען די לופֿט מיט זיין הויכקייט און שענהייט בעטראַכט, האָט ער זיך געוואונדערט. ער האָט געזעהן ווי די שענסטע פֿערשידענע בילדער האָבען ווי לעבענדיגע אויף דעם טורם געשיינט. אויף די ערשטע וויאָרסט אין דער הויך איז אַגרויסער ברייטער גאָלדענער גאַניק אַרום דעם טורם געווען, אויף וועלכען ס'זענען גאָלדענע מאָנימענטען פֿון פֿערשידענע ערפֿונדער געשטאַנען, און גאַנץ אויבען אויף'ן סאַמע שפּיץ איז אויס גאָלד זיין פֿיגור געשטאַנען, צו וועלכע ס'איז אַ לאַנגע גאָלדענע לייטער אַרויף צו געהן געוועזען.

ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער דאָס הויז אין וועלכען ער האָט געוואָהנט במעט נישט אַרויס געזעהן, מחמת ס'איז מיט צעטלען און קרענץ פֿערוואָרפֿען געווען. ער האָט געמוזט צו זאַמען רופֿען פֿיעל הונד וועלכע האָבען דאָס אַלעס אַוועק געראַמט. און ער איז געזעסען איבער זיין הויז אַוויינענדיגער; ס'האַרץ זיינס איז אַזוי פֿול און לייכט געווען, אַז פֿאַר פֿרייד האָט ער טייכען טרערען פֿערגאָסען. און די בערגער, און די טהאָלען, און די שטיינער, און אַלעס האָט אויס געזעהן צו זיין ערפֿרעהט מיט דעם שריט. און ער, אַ בעשפּור'טער פֿון גליק איז ווידער אויף די קאַנאַפּע געפֿאַלען אַלס מורמלענדיג: א י ך ב י ן ד ע ר ל ע צ ט ע ר מ ע נ ש ... מיין האַרץ ווערט פֿערוואונדעט פֿאַר פֿרייד ... פֿאַר פֿרייד ... פֿאַר פֿרייד ... טאַנצט איהר בערגער ... פֿרעהט זיך טאָהלען ... געה דו אויך אַוועק אויף עוויג ... לאָז די ערד שוין בלייבען לעהר ...

ווידער צעהן יאָהר זענען פערגאַנגען; און די מענשען זענען געבאַלען ווי פליגען אום הערבסט ... זיי האָבען נישט געוואַרט ביז דאָס לעבען וועט זיי פערלאָזען, נאָר זיי האָבען דאָס לעבען פערלאָזט. און עפּיס די פֿייגעל זענען ווי צוטומעלטע אַרום געפלויגען, אויך זיי האָבען געזעהן אַז דאָ קומט עפּיס אונגעוועהנליבעס פֿאָר, עפּיס א איבערקעהרעניש ... און די בהמות און די טהירע, אַלע זענען אַזוי רוישענדיג און ברומענדיג אַרום געלאָפֿען. אַלעס האָט אוים געזעהן ווי אַ ליכט וועלכעס דאַנקט צום אוים געהן, און מאָריץ אַלס וועלטמאַן, האָט בעפּוילען אַז די אַלע מענשען וועלכע זענען נאָך געבליבען, זאָלען זיך אין איין גאַס בעזעצען, אום צו זאַמען די לעצטע יאָהרען צו פערברענגען. אַלע האָבען זיין בעפֿעהל אוים געפאָלגט, און אין איין גאַס זיך בעזעצט.

צוואַנציג יאָהר זענען פערגאַנגען; אַ קליינע צאָהל מענשען זענען נאָר געבליבען, און ס'האָט אָן געהויבען לעהר ווערען די בעוועגונגען האָבען זיך אָב געשטעלט, ס'איז פון טאָג צו טאָג שטילער געוואָרען, נאָר די הייזער און בוימער זענען ביי זייער געשטאַלט געבליבען. יעצט האָט זיך מאָריץ די אַלטע וויצען ערוינערט: די ערד וועט עסען די פרוכטען פון די בוימער. אַלע פרוכטען זענען אויף די ערד געלעגען, די בלומען האָבען געטריקענט, און יעדעס מאָל ווען ער האָט בלומען ערזעהן, האָט ער מעכאַניש יענץ לידעל געברומט:

נישט צו בליהען ... נישט צו וואַקסען...
נישט קיין לאַבען. נישט געוויין —
טויט געשטאָרבען אַלעס אַלעס,
האַרט אונפיהלענד ווי אַ שטיין.

דאַן האָט ער פלוצלינג זיך אין פראַניאַ'ן ערמאָנט: ווי איז ערגיץ פראַניאַ אַהין געקומען. שוין אַזוי פיעל יאָהרען האָב איך זי נישט געזעהן. פאַר וואָס האָב איך זי פערגעסען, און פאַר וואָס האָט זי מיך פערגעסען ... איז זי שוין געשטאָרבען? אָדער אפשר לעבט זי נאָך ערגעץ אַנדערשוואו? וואָס איז אייגענטליך צווישען אונז, זי האָט דאָך נאָך געדאַרפט לעבען ...

מחמת דעם נאָכדענקען האָבען זיך זיינע געדאַנקען אָן געהויבען מישען, און ער איז אַוועק ווידער דעם טורם בעטראַכטען: דער טורם איז ווי אַ גאָט געשטאַנען אַ דורך ברעכענדיג די לופט; די בילדער האָבען געפינקעלט דורך דעם אָבשיין פון די זון, און האָבען אויס געזעהן ווי ווינקענדע גייסטער. ער איז אַרויף גאַנץ אויבען ווי זיין פיגור איז געשטאַנען, און האָט זיך אַרום געקוקט: טויט ... רוהיג ... שטיל... יעצט — האָט ער געדונערט — מאַך איך אויף געוועקט אַלע מענשען וועלכע האָבען געלעבט, אַלע וועלכע האָבען אַ מאָהל עקזיסטירט געטרוימט און געליטען, און אַנדערע וועלכע האָבען געפילאָזאָפירט אַז די עקזיסטענץ האָט איהר תכלית, אַז אַ אונבעקאַנטע געהיימע קראַפט רעגיערט איבער אונז, און פיהרט אונז צו אַ ציעל ... צו אַ ציעל ... חאָ חאָ — אָט די אַלע, אַלע ווי איין מענש מאַך איך אויף די פוס געשטעלט, און געוויזען די ענדע: נאַט זעהט, חברה צביע'קעס אייער ציעל. חאָ חאָ חאָ, זעהט די ענדע און זאָגט ווי גרויס און ערהויבען זי איז. אויך זיי מאַכען זיך געפרעהט .. יאָ יאָ אויך זיי מאַכען זיך געפרעהט ... פונדעסטוועגען מאַכען זיי געהאַט גרויסע פראָטענסיעס צו די געהיימע קראַפט ... הם הם הם — כ'האָב זיך היינט צו לאַכט ווי אַ משוגע'נער, ווי אַ משוגע'נער!

יאָהרען זענען ווידער פערגאַנגען, און מיט צעהן מענשען איז מאָריץ געבליבען ... מיט צעהן מענשען אויף די גאַנצע וועלט. ווי שטיל דאָס איז געוואָרען. האָבען געמיינט, די שוטים, אַז שטענדיג מוז מען טומלען, שטענדיג אָן אויף הער. שוטים — נישט בעסער אַזוי? שטיל ... שעהן ... רוהיג ... די באַהנען לויפען נישט, די שיפען אויף'ן וואַסער שווימען נישט, די באָציאַנעס פליהען נישט ... שטיל — ל — ל. נישטאָ קיין מענשען. די וועלט איז נאָך נישט לעהר ... פייגעל זענען פאַרהאַנען, מיט הונד, מיט פערד ... גאָט ווייס ווי לאַנג דאָס קען נאָך אָב האַלטען. און די זון שיינט ווי שטענדיג ... די לבנה ווי אימער ... נישט קיין חילוק זיי צי מענשעלעך צאַפלען אַרום אויף דער ערד. אָבער נישט. אַלעס שטעהט ווי פויהר ... גראָזען וואַקסען, גראָזען וועלקען. בוימער בליהען, בוימער דאַרען ... בלומען

וועלקען... און פראַניאַ? פון איהר האָט ער ווייטער קיין ידיעה נישט, איז זי געשטאָרבען? זי האָט דאָך געוואָלט זיין די לעצטע פרויען־צימער... ווי איז זי?

דאָס זענען געווען זיינע מחשבות צעהן מאָהל אַ טאָג.

און ווידער זענען עטליכע יאָהרען פערגאַנגען, און די אַלע צעהן מענשען זענען שוין אויס געשטאָרבען. געבליבען איז נאָר ער אַליין. איין מענש אויף דער גאַנצער וועלט. דער לעצטער מענש! ווי אַ טייוו־לאָנישער גייסט האָט ער זיך אַרום געדרעהט אַ עלענדער און געלאַכט אויף אַקול: נון, ווי זענען דאָס די אַלע פילאָזאָפען וועלכע האָבען געזעהן אַ תכלית? איך לאַך פון זיי מיט'ן פולען מויל. ווי זענען זיי די אָפּטימיסטען וועלכע האָבען אַזאַ גלענצענדע האָפנונג געזעהן? געשטאָרבען – אַלע געשטאָרבען. נון? נאָר איך בין געבליבען. איך דער לעצטער לעב נאָך; און ווען איך וועל שטאַרבען -- שטאַרבט מיט מיר אַלעס מיט. קיין מענשליכער פוס וועט אויף דער ערד מעהר נישט טרעטען... ווי קאָמיש דאָס איז. הימעל עפען זיך! איך איין מענש אויף דער גאַנצער ערד, און דער לעצטער... מיט מיר ענדיגט זיך אַלעס – נון, יעצט טהוט אַ קוט: אָן געאַרבייט אַ וועלט מיט הייזער, מיט גערטנער, ערפינדונגער, מאַשינעריע, באַציאַנעם, מיט טורם'ס, מיט נאַרישקייטען, וואַרטענדיג אויף אַ תכלית... נו־נו? יעצט איז אַלעס אויס? חאַ חאַ חאַ! אויס תכלית? ---

פלוצלינג איז ער געבליבען שטעהן אַ פערשטיינערטער: ער האָט געזעהן פון ווייטען ערנענטערט זיך אַ מענש – ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? האָט די נאַטור שוין אַנדערע בעשאַפען? איז זי טאַקע מיט אַ ציעל און פערשטאַנד, אַזוי ווי פיעל אַלטע מחקרים האָבען בעהויפ־טעט? זיינע פוס האָבען אונטער איהם אָן געהויבען ציטערען, און ער האָט געפיהלט ווי אַ משא וועלכע איז אַזוי גרויס און שווער ווי דער טורם וואָלט זיך אויף איהם אַרויף געלעגט. אונטער דעסען איז די פערזאָן נעהנטער צו געקומען, און ווי אַ חיה האָט ער זיך אויף איהר אַרויף געוואָרפען: פראַניאַ! פראַניאַ! האָסט מיך פערוואונדעט... איך האָב זיך אַזוי ערשראָקען... אַזוי ערשראָקען... כ'בין שיעור

פון זונען אראָב. און ער איז געבליבען שטעהן אַ פערטומעלטער. פונדעסטוועגען האָט ער גרויס פערגעניגען געהאַט פון איהר ערשיינען. ער האָט געפיהלט אַ פערגעניגען וויסענדיג אַז נאָך אַ מענש איז מיט איהם.

מאָריץ — האָט פראַניאַ געבעטען גלעטענדיג זיינע האָר — קום צו זיך... שרעק נישט... וואָרום שטעהסטו אַ זוי געדאַנקען־לאָז?

ער האָט נישט געענטפערט. דאַן האָט זי זיך צו איהם געוואַנדען מיט פייער: מאָריץ — מיר ביידע זענען די לעצטע מענשען... לאָמיר יעצט אויף שטעלען מענשען פון אונז... מיר וועלען זיי לערנען... ווידער וועט די ערד זיך מיט מענשען ענטוויקלען. מענשען מיט אַנדערע געפיהלען... און מיר ביידע וועלען זיין אי די לעצטע אי די ערשטע...

מאָריץ איז בלאַס געוואָרען. און מיט כעס געשריגען: פראַניאַ! אַנטלויף פון מיינע אויגען; איך וויל דיך מעהר נישט זעהן. דו ביזט אַ שרעקליכע, האָסט געוואָלט ברעכען דאָס לעצטע ערהאַבענסטע געזעץ... פיהלסטו זיך דען אַזוי גרויס און מעכטיג אַז דו ווילסט דאָס נעהמען אויף דיין געוויסען? הער אוים! די מענשען וואָס מאַכען פון אונז נאָך געקומען, מאַכען דאָס אַלעס געוואוסט: און זיי מאַכען אונז פערצייכענט, אַלס די גרעסטע מערדער, אַלס די שעדליכסטע אויסוואָרפען פון דער נאַטור. און עוויגע קללות מאַכען געפאַלען אויף אונז... אַ מאָהל זענען אויך געווען אַ אָדם הראשון מיט אַ פרוי חוה, האָט די פרוי פון פערבאָטענעם עץ הדעת געגעסען, האָט געפייניגט אויך דעם מאַן ער זאָל עסען, און דורך איהר זענען מיר פערשאָלטען געוואָרען. יעצט ווילסטו ווידער דאָס לעצטע געזעץ צעברעכען... אַך די פרויען, די פרויען... ווי פיעל טייכען טרערען. פערשטעה נאָר — ווי פיעל טייכען טרערען ווי פיעל שמערצען... געדענקסטו שוין דיין ליעד בישט, וואָס דו האָסט אין די יוגענד געזינגען: זעהסט דאָך טרערען יעצט נישט מעהר...זאַי צופרידען אַלטער פאָטער... געה דו אויך אַוועק אויף עוויג. און די ערד זאָל בלייבען לעהר. יעצט האָסטו אַלעס פערגעסען, צו ליעב דיין נאַרישעז עגאָאיסטישען „איך“. ווי שרעקליך מאַכט דאָס געווען... דו דאַרפסט דאָס נידריגע וואַכענדיגע

לעבען, דו דארפסט דאס רוישען, דאס ליארמען, דעם אלטען הו — הא ... נישט דאס טומלען איז אבער דאס גליק. דאס אונפיהלענדזיין, דאס טויט זיין, איז דאס גליק פאר'ן מענשען, ווייל ער פיהלט נישט. א קלײנעס אונגליק איז נאר דאס וואס מען פיהלט דאס גליק אליין אויך נישט. מענשען קענען קײנמאהל נישט צופרידען זיין. איך האב דיר שוין געזאגט: אום, צופרידען צו זיין, דארף דאס לעבען זיין גאנץ, צום גאנצקייט פעהלט אבער א עפּיס, און דער עפּיס עקזיסטירט גאר נישט. נון, פראניא — יעצט פערלאז איך דיך אויף עוויג... איך וויל דיך מעהר נישט זעהן.

פראניא האט איהר קאפּ געלאזט זינקען, און מיט א חרטה געפיהל איז זי געשטאנען בעוועגונגסלאז ווי א מארמארנע סטאטוע. און ער איז ערגיץ ווייט אוועק געפלויגען — — —

א אײנזאמער, א עלענדער, האט ער זיך צווישען די פעלדער און וועלדער ארום געדרעהט; צווישען הײזער איז איהם נישט ליעב געווען צו געהן, און ער איז נאר צווישען בערגער און טהאלען, צווישען וועלדער און פעלדער געגאנגען. לאנגווייליג מיאוס האבען זיך די טעג געצויגען. ערשט יעצט האט ער אן געהויבען פיהלען ווי שווער עס איז צו לעבען אליין. ער האט מורא געהאט אז ער וועט דאס לשון פערגעסען, און ער איז ארום געקראכען און ליעדער געזינגען. חאטש ער האט געוואוסט אז די שפּראכע איז איהם אוננוצליך, דאך איז זי איהם א שאד געווען צו פערלירען. א עלענדער אויף די גאנצע וועלט האט ער זיך ארום געדרעהט. און די טעג צו זיין שטארבען האבען איהם אויס געזעהן אזוי ווייט ... אזוי ווייט ... מיט הונד און מיט פייגעל האט ער זיינע טעג פערבראכט, און מיט פראניא'ן האט ער זיך מעהר נישט געוואלט זעהן. ער האט זיך זאגאר געשראקען זי צו זעהן: אפשר ... אפשר ... חאטש ער האט זיך געפיהלט גענוג שטארק די אלע נסיונות ביי צו שטעהן. און חאטש ער איז אײנער אויף די גאנצע וועלט געווען, חאטש ער האט קײן שום מענשען-געשטאלט נישט געזעהן, האט ער דאך פראניא'ן מעהר נישט געוואלט זעהן. און ווען עס זענען אזוי ווידער א פּאר וואכען פערגאנגען, און ער האט

געוואוסט אַז די טעג דאַרף פֿראַניאַ שטאַרבען, האָט ער זיך אויפ'ן באַציאַן אויף געזעצט, און געפֿלויגען גלייך צו איהר. עד האָט געזעהן ווי זי איז אויפ'ן גאַניק אַרויס געגאַנגען, זיך אוים געצויגען אויף די קאַנאַפּע צודעקענדיג זיך מיט אַ פליוש דעקע. ער איז צו איהר צו גע= גאַנגען, וואוסענדיג אַז זי וועט אַ הנאה האָבען צו שטאַרבען אין זיין געגענוואַכט.

האָסט מיך צו האַרט בעשטראָפט מאַריק - האָט זי געמורמעלט.

ניין פֿראַניאַ, ניִשט צו האַרט איז עס בעשטראָפט ... ניין, איך יעצט האָב איך צו דיר ניִשט געדאַרפט קומען, ווייל דו האָסט ווידער געוואָלט אונגליק אויף די ערד ברענגען. דו האָסט געוואָלט אָן פּיהלען די אויסגעלייטערטע לופט מיט סם ... און פֿערפּעסטען די ערד ... ווידער זאָלען מענשען אין טרערען זיך באָדען ... ווידער די אַלטע יאָמער געשרייען ... איך רעכען אָבער אַז דו האָסט חרטה דערפֿון.

אָה מאַריק — האָט פֿראַניאַ די לעצטע ווערטער געמורמעלט — ווירקליך, ווירקליך; איך האָב באַלד חרטה געהאַט. איך — בין — אונגערעכט — גע — ווען ... זאי מיר מוחל ... זאי מיר מ ...

נאָך פֿראַניאַ'ס שטאַרבען איז מאַריק מונטער געוואָרען; ער איז געוואָרען מונטער ווייל ער האָט געוואוסט אַז אויך זיין צייט ערנעהנטערט זיך. און פֿון דאַמאָלס אָן האָט ער אָן געהויבען צעהלען ווי לאַנג ער וועט נאָך לעבען דאַרפֿען. מאַכט ער ניִשט געשוואָהרען אַז ער וועט נאַטורליך שטאַרבען, מאַכט ער אויף זיך נאָך געלאָזט די גאַנצע עלעק= טרישע קראַפט, איז שוין אַ סוף. האָט ער דאָך אָבער געשוואָהרען.

ס'איז געקומען די נאַכט אויף וועלכע ער האָט שוין אַזוי לאַנג אַרויס געקוקט, ס'איז געקומען די נאַכט פאַר זיין שטאַרבען. ער איז אַרויף אויפ'ן טורם צום סאַמע שפּיץ, דאָרט האָט ער זיך אַוועק געזעצט בעקוקען און בעטראַכטען דאָס לעצטע מאָהל די נאַטור. ער האָט געזעהן די בוימער — שטומע, בעוועגונגסלאָזע זענען זיי געשטאַנען, ווי וואַרטענדיג אויף עפּיס אַ גרויסען סוד. די גרויסע קוימענס פֿון די אַרבייטער גאַסען זענען ווי טויטע ריעזען געשטאַנען, און דאָרט ווייט, גאַנץ וויים, אויפ'ן ים, זענען די געאַנקערטע שיפֿען ווי געפֿאַנגענע

געשטאַנען ; זיי האָבען זיך פון אָרט נישט געריהרט, שטילע זענען זיי געשטאַנען, און דאָס וואַסער, דאָס גרויסע מעער, האָט מיט זיינע פליגעל אין זיי אַריין געקלאַפּט. ער האָט געזעהן די גרויסע שעהנע פענער פון די פערוויילונגס גאַסען, וועלכע האָבען שטענדיג ווי לעבענדיגע געפלאַטערט, האָבען יעצט געהאָנגען שווערע, נאַסע, קוים זיי האָבען זיך פון אָרט געריהרט. די פערד, די לייבען, די קעמלען, האָבען זיך אין די גאַסען אַרום געדרעהט, נישט וואוסענדיג ווי צו געהן, און וואָס צו טהון, שטימע האָבען זיי זיך איינס ס'אַנדערע אָן געקוקט ; מאַנכע זענען געלעגען אוים געצויגען; מאַנכע זענען געראָפּען גאַלאָפּ, מאַנכע האָבען זיך אויף דער ערד געוואַלגערט וועלענדיג ליגענדיגער-הייט פון איין זייט אויף די אַנדערע איבער דרעהען. און די הונד האָבען זיך דאָס אַביסעל צו הײלט און צו וויינט, עפּים אַזוי שוידערליך. אַזאָלכע קלאָגערייען, מיט אַזאָלכע משונה'דיגע קולות ... און די טויבען, די פייגעל זענען ווי צוטימעלטע, ווי צומישט אַרום געפלויגען. דאַן האָט ער געזעהן ווי די אַלע באַהן וואַגאָנען זענען אין איין ליניע אויםגעשטעלט געשטאַנען ; עפּים ווי איינגעהויקערטע האָבען זיי ביי איהם אוים געזעהן ... און עס איז איהם פּלוצלינג אַ שאָד געוואָרען דאָס אַלץ צו פערלאָזען, און ער האָט געבענגט נאָך מענשען, וועלכע זאָלען ווידער אַ רויך אויס די קוימענס יאָגען, און די אַלטע וואַגאָנען לויפען מאַכען. די שיפּען זאָלען ווידער אין די ים'ן שוועבען, און די מענשען זאָלען ווידער ווי פייגעל אַרום פליהען. אַלעס זאָל זיך ווידער אָן הויבען בעוועגען, און עס זאָל צוריק זיין די אַלטע אָרדנונג. די פערד מיט די הונד, און די אַנדערע בעשעפענישען זאָלען זיך נישט אַרום דרעהן אַזוי נע ונד... עס האָט איהם יעצט באַנג געטהון פאַר וואָס ער האָט צו דעם טהאַט צו געשטימט, און ער האָט בעדויערט, פאַר וואָס ער האָט פּראַניאַ'ן אַזוי שאַרף אָב געזאָגט. יעצט איז פערפאַלען ... פערפאַלען ... אויף עוויג פערפאַלען ... אַלעס שטעהט אָזוי וויעסט, אַזוי פוסט, אָן אינהאַלט. אָן לעבען ... מען הערט נישט דאָס רוישען, דאָס קלינגען, דאָס פּייפען. שטיל איז אַלעס, טויט איז אַלעס, פינסטער און קויטיג... און פויהר — פויהר האָט אַלעס געלעבט, פויהר האָט אַלעס געגלאַנצט.

פוידער האָט אַלעס געבליהט און פרעכטיג געשיינט ... אַ היציגער שווייס האָט אויף זיין געזיכט אַרוים געשלאָגען טראַכטענדיג דאָס — אַזוי ווייט האָט איהם די בענגע, די געוואָרנהייט אָן געגריפען — דאָס אַלעס האָט נאָר געפיהלט דאָס האַרץ; דער מוח אָבער, דער שכל הישר, האָט גוט פערשטאַנען, אַז אַנדערש האָט עס נישט געקענט זיין: קען מען זיך דען יאָגען נאָך אַזאַך. נישט בעגרייפענדיג וואָס זי איז? די צוויי געגנער האָבען אין איהם אַ מלחמה געפיהרט. און מנצח געווען האָט דער שכל. דאַן האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק אַז ווען עס זאָל צו איהם ווידער אַ פּראַניאַ קומען, וואָלט ער ווייטער געווען בכח זי פעסט צו ענטזאָגען ... פּלוצלינג איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אָב צו שטעלען די זון. און ער האָט עס גלייך אויס געפיהרט. אויף דער ערד איז דונקעל געוואָרען ... דאַן האָט ער ערשט בעמערקט ווי שעהן די לבנה שיינט, און ווי הערליך די שטערען ... ער האָט געזעהן ווי די שטערען האָבען געגלאַנצט, און איהם האָט זיך אויס געזעהן אַז זיי ווינקען צו איהם, זיי לאַכען אויס איהם, זיי ווייזען זיך אומישנע אין זייער שענסטען געשטאַלט אום איהם צו קרענקען, אום איהם צו ווייזען אַז זיי זענען נישט בדלות וואָס עס וועלען קיין מענשען נישט זיין. און עס האָט איהם טיעף געקרענקט פאַר וואָס די שטערען וועלען שיינען אויך דאַמאָלס ווען קיין מענש וועט נישט זיין ... עס איז איהם אַזוי ביטער געוואָרען ... אַזוי ביטער! און דאָס שטילקייט האָט איהם אַזוי געדריקט ... אַזוי שטיל ... אַזוי שטיל — — — ער האָט זאָגאַר זיין האַרץ געהערט קלאַפּען ... איז עס טאַקע אמת דאָס אַלעס — האָט ער זיך אויף אַ קול געפרעגט, וועלענדיג איבעררייסען די שטילקייט וואָס האָט איהם ווי אַפרעס געדריקט — איז עס טאַקע אמת, נישט קיין חלום? טאַקע אמת? — אַלע מענשען זענען אויס געשטאָרבען און נאָר איך, איך מאָריץ! בין געבליבען. און אויך איך געה שוין שטאַרבען. און ווען איך וועל נאָר מיינע אויגען פערמאַכען איז נעכטיגע טעג. נישטאָ מעהר קיין מענש ... דאָס אַרטיקעל מענש האָט אויף געהערט צו עקזיסטירען ... חאַ חאַ חאַ ... ס'איז אינטערע־סאַנט ... חאָ חאָ חאָ ... אָט אַזוי ... אָט אַזוי דאַרף אויס זעהן

גאָטס וועלט... פער׳יתום׳ט, פער׳חושך׳ט, פוסט און וויעסט. . אָט אַזוי... ש—שאַ... רוהיג—שטיל.. סוף כל סוף איז די ערד אַ בית עולם געוואָרען... יאָ די נאַכט! די נאַכט! די נאַכט דאָס איז דאָך מיין לעצטע נאַכט... איך וועל נישט שלאָפען! איך וועל נישט שלאָפען, כ׳וועל בעסער שפּאַצירען אויף׳ן טורם, צווישען די געשטאָרבענע מענשען... אַך ווי גוט מיר איז יעצט עפּים געוואָרען... ווי גוט, ווי גוט מיר איז יעצט...

ער האָט די נאַכט נישט געשלאָפען, ער איז אַרום געקראָכען אונטען צווישען די בוימער, דאַן אויפ׳ן טורם צווישען די מאָנומענטען, דאַן ווידער אונטען, און ווידער אויבען. נאָך געדענקט, נאָך געקלערט זיין פערגאַנגען לעבען... די גאַנצע פערגאַנגענהייט האָט זיך איהם יעצט פאַר זיינע אויגען געשטעלט. ער האָט געדענקט יענעם טאָג ווען מען האָט איהם די בשורה אָן געזאָגט; ער האָט געדענקט פּראַניאַ׳ס ליעד וועלכעס זי האָט אַזוי ליריש געזונגען; ער האָט געדענקט דעם אַלטען מענש מיט זיינע שרעקליכע ערצעהלונגער; און ער האָט געדענקט זיינע גאָר יונגע ליידענדע יאָהרען. און ווי אַ חלום האָט זיך איהם אַלעס אויס געזעהן, עס האָט זיך איהם געדאַכט אַז ערשט נעכטען איז דאָס אַלעס אָר געקומען... און ווען זיינע ערהאַבענער האָבען איהם אַביסעל נאָך געלאָזט, און ער האָט געזעהן אַז אין גאַנצען האָט ער נאָך דריי שעה צום לעבען, איז ער אַרויף אין זיין קבר=שטוב: אַ גרויסער ברייטער זאַל, אַרום די וועגד שעהנע געפּיצטע בוימער, יעדער בוים פול מיט ברענענדע בלענדענדע ליכט, און פערשלייפט מיט סמוט׳נע שוואַרצע בענדער. אין די שטוב האָט זיך אַ זעהר אַנגענעמער גערוך געפיהלט, און אין מיטען אויף אַ נידריגען גאָלדענעם טיש איז אַ גלעזערנע טרומנע געשטאַנען; פון ביידע זייטען טרומנע צוויי ענגעל וועלכע האָבען פיעל ליכט צווישען זייערע פליגעל געהאַלטען, שמייכלענדיג זיס צו איהם...

ער האָט אַ קוק געטהון אויפ׳ן זייגער: נאָך איין שעה—נאָך איין איינציגע שעה צו לעבען! נאָך דאָס לעצטע מאָל—האָט ער געטראַכט—וועל איך אַרויס קוקען בעטראַכטען דאָס וועלטעל... ער האָט געזעהן

זוי דרויסען האט זיך דאס וועטער געענדערט: א וואלקען האט זיך איבערן הימעל פע־צויגען, די בוימער האבען זיך אן געהויבען ווארפען און רוישען. אויך א רעגען האט אן געהויבען געהן. און עס איז איהם איבריג געווארען יעדע מינוט פון זיין לעבען. ער איז צו, צו דער טרומנע אוים געלאשען אלע ליכט, לאזענדיג ברענען נאר איין ליכט, און זיך אריין געווארפען אין טרומנע אוים שרייענדיג מיט פרייד: נאך צוויי מינוטען צו לעבען!

אין שטוב איז מחמת דעם רעגען וואס דרויסען איז געגאנגען, און מחמת דאס איינע ליכט האט שוין אויך געצאנקט. צום אויסגעהן־גאנץ דינקעל געווארען. און די צוויי מינוטען האבען זיך איהם אויסגעזעהן צו זיין אזוי לאנג, אזוי לאנג ווי זיינע אלע לעבענס יאהרען. שוין האט ער געוואלט זיינע אויגען פערשליסען, און נישט זעהן וואס עס טהוט זיך ארום איהם.

ווען דער זייגער האט זיין לעצטע מינוט געקלונגען, האט זיך א שווארצע פארהאנג אראב געלאזט, אויף וועלכע ס'איז מיט ווייסע בוכשטאבען פערשידענע ווערטער אויסגענעהט געווען, און א זינגען פון טויזענדער שטימען האט זיך געהערט. עס איז איהם אזוי זיס געווען צו שטארבען אונטער דעם געזאנג, עס איז איהם אזוי לייכט געווארען... ער האט זיינע אויגען פערמאכט———די צוויי מינוטען זענען אבער פערגאנגען; דער זייגער האט אב געגלינגען; דאס ליכט איז אויך אוים געגאנגען, דאס געזאנג האט זיך שוין אויך מעהר נישט געהערט; און ער איז וויטער לעבען געבליבען. דאן האט ער זיך שרעקליך ערשראקען. באלד איז פערגאנגען נאך א מינוט, נאך א מינוט און ער איז אלס נישט געשטארבען, האט ער שוין אן געהויבען צווייפ־לען. זיין הארץ האט שיעור געפלאצט פאר קימער: אפשר וועל איך יעצט קיינמאל נישט קענען שטארבען... אפשר געפינט זיך טאקע אזא געהיימע קראפט וועלכע פיהלט יא, און ווייס יא און אט די קראפט געהט דאס מיך בעשטראפען. אפשר... געוואלד! וועל איך מוזען עוויג לעבען... ארום דרעהען זיך אין דער וויסטע...

ער איז האסטיג צום פענסטער צו געלאפען, וועלענדיג זיך פון

דאָרט אַראָב וואַרפֿען שטעה! האָט ער געהערט אַ שטימע, און אַ פֿײַערדיג בילד האָט זיך איהם בעוויזען: אַ ענגעל אויס פֿײַער האָט געשוועבט אין מיטען זאַל, רוישענדיג, און צינדענדיג די ליכט. און ער, מאָריץ, האָט זיך ווידער געזעהן אין טרומנע ליעגען. דער ענגעל האָט זיך אין דער לופֿטען איבער זײַן טרומנע אָב געשטעלט, און מיט אַ ווייכע צאַרטע שטימע האָט ער אויס גערופֿען:

איך בין אַ מלאך! איך בין געקומען צו דיר מיר זאָלען זיך פֿעראייניגען — ווערסטו נאָך לעבען, און פֿון אונז וועלען בלויס מלאָכים אַרויס קומען... בלויס מלאכים...

יעדע עקזיסטירענדע זאַך וועלכע האָט נאָר אַ פֿיהלונגס־קראַפֿט מוז ליידען — האָט מאָריץ ציטערענד גיזאָגט.

מלאכים ליידען נישט.

ווילסטו מיך צווינגען?

צווינגען קען איך נישט, דער ווילען פֿון אַ מענש איז צו שטאַרק אום איהם צו צווינגען.

נון לאָז מיך שטאַרבען... וואָס ווערט דען פֿון דעם אַרויס קומען? וואָס ווערט זײַן ווען עס וועלען שוין זײַן אַ וועלט מיט מלאכים? הערסט! דער תכלית, די ענדע וואָס ווערט זײַן?

מלאכים האָבען אַנדערע בעדערפֿנישען... מלאכים לעבען צופֿרידען...

אָבער וואָס נוצט עס מיר? איך וויל אונפֿיהלענד זײַן... איך וויל טויט זײַן...

לאָמיר זיך פֿעראייניגען... מיר וועלען איבער די וועלט רעגירען... איבער דעם אַלעם... און פֿון אונז וועלען בלויס מלאכים אַרויס קומען... אַ וועלט מיט מלאכים!

לאָז מיך שטאַרבען... וואָס ווילסטו פֿערביטערערן די לעצטע סעקונדען פֿון מיין לעבען...

דער ענגעל איז פֿערשווינדען, און מאָריץ האָט געפֿיהלט אַז ער שטאַרבט... נאָר פּלוצלונג האָט צו זיינע אויערען אַ שרעקליכעס רוישען, שטורמען, און דונערען געגרייכט, אַזוי ווי עס מאַכט אַ וועלט איבער־קעהרעניש געווען. די בוימער האָבען זיך געבראָכען; דער

גאַנצער טורם האָט זיך געשאָקעלט און געציטערט... אין שטוב איז ליכטיג געוואָרען... און אַ געוואַלדיגע אונבעגרײַפליכע שטימע האָט איהם ווידער ערשראָקען:

שט — אַר — בסט ?!

— — — — — —

איך גאָט! רעד — צו — דיר. שטעה אויף!

ער איז אָטאָמאַטיש אויפגעשטאַנען.

ווילסט שטאַרבען? האָט איהם די שטימע צאָרענדיג געפרעגט.

יאָ — אָ — אָה.

העך: איך מאַך דיך פאַר אַ גאָט פונקט אַזוי ווי איך... וואָס די ויעסט וועלען וועסטו טהון. וועסט מיט מלאכים אויך רעגירען... וועסט מיט די שטערען, מיט די זון אויך רעגירען... אַ גאָט וועסטו זײַן... חאָטש אײנעם פון מײַנע ליעבלינגס קינדער וויל איך האָבען.

איך וויל — שטאַרבען — האָט מאָריץ ציטערענדיג געפליסטערט, שטאַרבען?!

די שטימע האָט זיך אויף די גאַנצע וועלט געהערט; דער טורם האָט זיך אַ טרײַסעל געטהון... איהם האָט געשווינדערט.

מענש! מענש! מענש! וואָס האָסטו געטהון! ווער האָט דיר גע-נעבען דאָס רעכט דערצו? האָסט פערניכטעט די מענשען. וואָס וועל איך יעצט טהון... אָה — איך גאָט... נעה אַרום... ווי אַ יתום... מײַנע קינדער.. מײַנע קינדער...

ער האָט געשוויגען, נאָך אַלס שטעהענדיג אויף אַ אָרט. און אינערליך האָט עס איהם זעהר געפרעהט דאָס הערען די ווערטער. עס האָט איהם געפרעהט זעהענדיג אַז גאָט וויינט נאָך זײ. און אַ געפיהל פון רײַכע האָט איהם געזעטיגט... נאָך האָט ער געוואָלט די זעלבע ווערטער הערען, און אָן זעטיגען זיך מיט זײ. יעצט איז איהם דאָס גאַנץ אַלטע ליעד אויף זײַן צינג געקומען: טרויעריג וויינט דער אַלטער גערטנער... זײַנע קינדער זײַנע בלומען... ער האָט געדענקט וואָס ער האָט דאַמאָלס געטראַכט ווען ער פּראַניא האָט עס געזונגען. יעדע

דאַסאָלסדיגע מחשבה, יעדעס קליינע רעיון'דיל, האָט ער געפֿיהלט ווי עס מאַכט ערשט, נאָך נעכטען פּאַסירט.

פֿאַר וואָס האָסטו מיט געשטימט צו פֿערוויסטען מיין ערד? איז דען די וועלט יעצט נישט שעהן? און וועמען וועל איך זיך יעצט שפּיגלען? זאַי וויסען: דעם טורם וועל איך אַזוי צערשמעטער'ען אַז קיין געדעכטעניש וועט פֿון איהם נישט בלייבען. איך בין גאָט!

ווילסט מיך צווינגען?

איך וויל נישט צווינגען. אַמענשענס ווילען איז אַכח...

אָבער וואָס האָסטו געמאַכט?

האָסט דאָך נאָך וועלטען שפּיגעל זיך אין זיי. און מיך לאָז שטאַרבען... לאָז מיך שטאַרבען... לאָז מיך שטאַרבען...

ס'האָט אַשרעקליכער קנאַל געטהון. דער הימעל האָט אויס געזעהן צו זיין צו שפּאָלטען אויף צוויי העלפֿטען. אַגרויזאַם פֿייער האָט זיך אָן געהויבען שיטען. און די שטימע האָט ווייטער גערעדט:

און צעהנדליגער טויזענדער יאָהרען עקזעסטירען די מענשען, זיי האָבען איינגענומען די ערד, דאָס וואַסער, די לופֿט, אַלעס — אַלעס האָבען זיי איינגענומען. איך האָב זיך געפֿרעהט אויף זייער אַרבייט, און יעצט בין איך געבליבען ווי אַמוטער ווען איהרע אַלע קינדער שטאַרבען אויס... ווי פֿיעל מיליאַרדען מענשען זענען דורך מיינע הענד אַדורך געגאַנגען, און קיינער האָט אַזעלכעס נישט געטהון. נאָר איהר, איהר האָט די ערד פֿאַר תהו ובהו געמאַכט...

און זאָג מיר גאָט — האָט מאָריץ גערעדט נידערגעשלאָגען — צו איז חאָטש איינער פֿון די אַלע מיליאָנען מענשען אָן טרערען געשטאָרבען? איין איינציגער מענש צו איז האָטש געווען צווישען אַזוי פֿיעל מיליאַרדען מענשען, וועלכער זאָל אין זיין לעבען קיין טרערען נישט האָבען פֿערגאָסען? צו האָט חאָטש צווישען די אַלע מיליאָנען מענשען, איין איינציגער אָן שמערצען און וועהטאָג אַדורך געלעבט? צו האָט חאָטש איינער צופֿרידען געלעבט און צופֿרידען געשטאָרבען? איינער! איין מענש צו איז חאָטש אָן ליידען געשטאָרבען? זאָג — צו איז חאָטש איינער אָן טרערען געשטאָרבען? ניין! קיינער! קיינער! אין טרערען

געבוירען, אין טרערען פערלוירען... געלעבט אין פערצווייפלונג און געגאַרונג... אָט דאָס איז עס לעבען... זאָג, וואָס האָסטו אונז שוין געגעבען? און וואָס האָבען מיר פון דיר שוין פערלאַנגט? מען דאַרף נישט ליידען, ווען מען קען זיך באַפרייען דערפון. און ווען דאָס לעבען מאַכט אַפילו געווען אַ ריזיגער זונען־שטראַהל מיט פראַכט און שעהנהייט געוועבט לוינט נאָך נישט דאָס געבוירען ווערען בלויס צוליעב דעם איבערגאַנג פון לעבען צום טויט.

אפשר פיהר איך אייך צו אַ ציעל?

ווען גאָר אַלעם פיהרט זיך צו אַ ציעל — דערווייל, דורכלויפענדיג פליהען אַדורך מיליאָנען מיליאַרדען מענשען, ליידען אָב זייערע יאָהרען שווערע יסורים און פערגעהן. אַזוי פיהרט עס זיך שוין צעהנדליגער טויזענדער יאָהרען... וואָס פאַר אַ ציעל ווערסטו געבען די אַלטע קערפערם וועלכע פוילען יעצט אין דער ערד... אַ אַ... האָסט אונז בעזעצט אויף אַ ווילד שטיק ערד, פוסט און וויעסט, נאָר מיר — זייענדיג שטענדיג אונצופרידען, און זוכענדיג עפּיס נייעס — האָבען אויס געניצט יעדע זאַך וואָס די ערד פערמאָגט; מיר האָבען זי בעשיינט און בעפוצט. יעצט לאָזען מיר זי איבער און מיר פערגעהן. מיר האָבען דאָ נישט וואָס צו טהון. גאָט! לאָז מיך שטאַרבען...

די שטימע איז טרויעריג געוואָרען איך בין מודה... האָסט רעכט... האָסט רעכט... אַלזאָ שטאַרבסטו אַוועק? בלייבט יעצט מיין וועלט לעהר? — — —

אַ רוישען אַ ליאַרמען האָט זיך געהערט. און מאָריץ איז אַ ציטערענדער אַלס רוהיג געשטאַנען.

אַלזאָ יעצט ווען די ווערסט דיינע אויגען פערשליסען, בלייבט מיין וועלט לעהר? קום אַהער בן אָדם, רייס מיר קריעה! דערלף מיר וויינען אויף מיינע ליידען... אַ וואַנדערער אַ אונענדליכער וואַנדערער וועל איך יעצט זיין... עוויג וועל איך טרויערען אויף אייך גוטע קינדער... אויך די ערד מיט איהרע אַלע בעשעפעניסען וועלען טרויערען און קלאָגען אויף אייער פערגעהן. קום אַהער נעהנטער צו מיר וועל איך דיך בענשען... איך וועל דיך צו דריקען צו מיר... מיין זוהן. מיין קינד... יעצט זעה איך דאָס לעצטע מענשען געשטאַלט...

געה — לעג זיך — שטארב רוהיג.... גיב מיר דיין האנד און איך וועל נאך דיר עוויג טרויערען... עוויג טרויערען... קוים וועסטו אבער שטארבען, באפעהל איך די וואָקלענ׳ס זיי זאָלען די ערד פארפלייצען. זיי זאָלען די ערד פארוויסטען, צוריק שטעלען זי צו א תהו ובהו... די ערד וועל איך מאכען ציטערען. איך וועל זי צו שאָקלען צו רייבען, צושמעטערען און גאנצליך פערניכטען... די בוימער וועל איך אויס רייסען און וועל זיי ווארפען אין דער לופט; דאָרטען זאָלען זיי רוישען. די בערגער וועלען אָן אויפהער מיט פייער שפריצען, און פון דעם אלעם וועל איך מאכען איין מישמאש, און וועל שרייען: וויינט וויינט... אלע מענשען זענען געשטאָרבען.

גאָט! פאר מיין שטארבען וועל איך דיך איין פראגע פרעגען, ענטפער מיר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער האָט בעשאפען די ערד און אלעם אויף איהר;

איך.

און ווער האָט דיך בעשאפען?

אָה מענש! אויך איך פרעג דאָס זעלבע, אויך איך ווייס נישט וואָס עס איז געווען... וואָס נאך פערלאנגסטו פון מיר? זאָג מיר זאָג. איך בין די געטליכקייט און איך וויל ערפילען דעם ווילען פון א מענש.

דריי זאכען פערלאנג איך פון דיר גאָט:

די טורם׳ס זאָלען עוויג בלייבען שטעהן ווי זיי זענען.

אלע יאָהר זאָלסטו מיך אויף איין טאָג לעבענדיג מאכען און מיר ווייזען די וועלט.

און אלע פערגאנגענע מענשען פון עוויג אָן, זאָלסטו לע־בענדיג מאכען, און זיי ווייזען וואָס ס׳איז געוואָרען. זאָלען זיי זעהן זייערע חשבונות... זאָלען זיי זעהן...

איך ערפיל דיין באגעהר —

אלעם איז שטיל געוואָרען. מאָריץ האָט זיך געזעהן אין טרומנע ליעגען, און געפיהלט אז ער שטארבט.

אַ שרעקליכער קנאַל האָט איהם פון זיין לאַנגען חלום אויף געוועקט, דאָס האָט מען ביי איהם די טהיר אויף געבראָכען, און דאָראַ איז אַריין אַ האַלב טויטע פון שרעק. שוין ס׳דריטע מאָל — האָט זי קייכענדיג געזאָגט — ווי איך בין דאָ, און ס׳איז אַלץ פערשלאָסען געוועו. אַי ווי איך האָב זיך דערשראָקען...

מאָריץ האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, ער איז בלויס געלעגען קוקענדיג צום סופיט מיט ווילדע גרויסע אויגען. ער האָט נישט געוואוסט וואו ער איז, וואָס מיט איהם איז געוועו, צו חלום׳ט ער יעצט, צו איז דאָס פויהריגע אַ חלום געוועו, ער האָט גאָר נישט געוואוסט, נאָר זיינע אויגען זענען געוועו עפּיס אַזוי וואַסערדיג־שטעכענד, אַזוי גרויס און ווילד, אַז דאָראַ האָט זיך גאָר אויף ס׳ניי ערשראָקען. דאַן האָט ער זיינע אויגען אָן געשטעלט אין דאָראַ׳ן, און ווי שפּיזען האָט דאָס קוקען זי געשטאָכען. זי איז צו איהם צו־געפאַלען, האָט איהם אַרום גענומען: מאָריץ — מיין פריינד וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט? קוק נישט אַזוי אויף מיר... כ׳בעט דיך, איך האָב מורא... זעה בערוהיג זיך... בעדענק זיך... קוק נישט אַזוי שרעקליך... רעד עפּיס, רעד עפּיס צו מיר... קענסט מיך נישט? דיין פריינדין דאָראַ, דאָרא.

ער האָט אָבער ווייטער געשוויגען, און זיינע בליקען זענען נאָך שרעקליכער געוואָרען. ער האָט מיט זיינע אויגען אָן געהויבען זואַנדערען פון איין געגענשטאַנד צום צווייטען, עפּיס האָט ער אויף די וואַנד געזוכט. עפּיס — האָט מען געזעהן וויל ער זיך ערמאַנערען. ער האָט שווער גע׳אָטומ׳ט, און ס׳האָט אויס געזעהן ווי ער מאַכט זיך געשטיקט. פּלוצלונג האָט ער מיט אַ שרעקליך קול אָן געהויבען שרייען: אַ חלום! אַ חלום! אַ חלום! אַהאַ, אַלעס איז אַ חלום געוועו... מיין גאָט... ווי שרעקליך... מיך שטיקט... בין איך הייסט עס דאָ אין בעט, און אַלעס איז אַ חלום געוועו... אָהאָ — — —

ער האָט אָן געהויבען וויינען: דאָראַ, דאָראַ, לאַנג שוין שלאָף איך... לאַנג שוין...

איבער דרייסיג שטונדען, האסט געמוזט א גוטען חלום האבען.
ער האט קינדיש געוויינט; זיינע אויגען האבען געקוקט ווילד
אבער רוהיג, און ער איז שיעור משוגע געווארען פאר שמערץ. ער
האט זיך ארום געקוקט, אין שטוב איז חשך, קאלט, טויט... זיין
הארץ האט זיך געצאפעלט, און זיין ברוסט האט זיך צום צופלאצט
ווערען צו זאמען געצויגען. דארא האט דאס געזעהן, און מחמת
רחמנות האט זי אן געהויבען וויינען מיט איהם. דאס האט איהם
אבער נאך מעהר געדריקט. אך דארא... דארא... דארא... האט
ער געיאמערט — קיין מאל האסטו מיך נאך וויינען נישט געזעהן. און
היינט — דא—רא! איך ווער דערשטיקט... דרייסיג שטונדען האב איך
א וועלט געזעהן. מען האט מיך אויף געהויבען הויך... הויך צו די
זונן... איך האב זיך אין איהר געוואלט אן חאפען, איך האב זיך
אין איהר געוואלט ווארמען. מיינע צובראכענע געפרוירענע גלידער
האב איך געוואלט אויף ווארמען. נאר שווער איז עס געווען, וויים
איז דער וועג צו דער זונן געוועזען... וויים, גאנץ וויים... איך האב
אבער געוואוסט אז איך מוז צו איהר ארויף... חאטש איך האב איהרע
פלעקען נאך פון וויימען געזעהן, חאטש איך האב געוואוסט אז זי
וועט מיך נישט מיט אלעם בעפרידיגען, דאך... דאך... אום צו
ערלייכטערען מיין שמערץ און וועהטאג, אום נישט צו פיהלען אזוי
שטארק די אונערטרעגליכע יסורים, דאס פרעסונג פון הארץ — האב
איך זיך אין איהר געוואלט אן חאפען... און, איך בין ארויף צו
דער זונן! איך האב זי אן געחאפט — נאר דאמאלס, אה! ווען זי
האט מיך מיט איהרע ווארמע פליגעל עמפפאנגען; ווען זי האט מיך
אן געהויבען טרייסטען, און ווארמען מיט איהרע ארעמס... בין
איך, אה וועה... בין איך צוריק אראב געפאלען, אין דעם
אלטען טיעפען, שווארצען און פערשימעלטען תהום אריין... דארא...
דא—רא! איך בין יעצט וואהנזיניג... חא חא חא — — — דארא,
שווער איז צו שמאכטען אין דער פינסטער, נאך דעם ווי מען
האט שוין דאס ליכט ערבליקט... דו ווייסט: פיעל יאהרען פער-
ברענג איך שוין דא איינזאם, עלענד, אבגעבראכען פון אלע, אב

געשלאָסען, צעררִיסען... און אַלע ראַבען מיך אויס... אַלע האַלטען מיך פאַר משוגע... ווייל איך קען נישט מיט לאַכען אויף זייערע פערשטויבטע וויצען... ווייל איך קען נישט מיט בטל'ן זייערע אונגעוועהנליכע נאַרישקייטען. ווייל איך זעה דאָס לעבען אין אַ אַנדערען פאָרם, און איך קוק אויף זיי ווי אויף נאַרישע קאַרליקעס וואָס שפּרינגען און לאַכען אַרום, און ווייסען נישט וואָס מיט זיי טהוט זיך, וואו זיי זענען ערגיץ, און וואָס זיי ווילען... דערפאַר האַלטען זיי מיך פאַר משוגע... אָבער איך — דו ווייסט דאָך האָב זיך דערין קיינמאָל נישט געקומערט... איך בין זיך געגאַנגען אויף מיין פאָרנעהמען דערנעררִיגען וועג... נאָר יעצט, הערסטו דאָראַ, ווייס איך נישט ווי אַזוי דאָס לעבען פאָרט צו זעצען... איך קען דיר נישט מאַכען דעם מינדעסטען בעגריף ווי דאָס לעבען זעהט ביי מיר אויס... און ווי קליין, ווי נאַריש זיי אַלע קוקען ביי מיר אויס... זיי מעגען לאַכען... זיי קענען עס נישט פערשטעהן... באמת — איך ווייס יעצט נישט וואָס צו טהון... דאָראַ! איך מוז יעצט אַנטלויפען פון אַלע... אַנטלויפען ווייט אַוועק, איך זאָל זייערע געזיבטער מיט זייערע צינגען נישט אָן קוקען... אַך ווי דריקט עס מיך... מיין האַרץ... מיין האַרץ... מיין האַרץ...

ער איז צו צום פענסטער, אַוועק געמאַכט די ראָלעט, דאַן האָט ער ווייטער געיאָמערט — איך מוז יעצט אַנטלויפען, אַנטלויפען פאַר זיך אַליין... אָבער דאָראַ! קוק נאָר אָן צו אַלע טייוועלס די משונה'דיגע ערד, ווי קען מען דאָ לעבען? ווי קען מען ביי די דריקענדע פינסטערקייט אויף אָטום'ן? זעה נאָר: דרויסען איז די זעלבע זאַווערוכאַ... דער שנעה האַקט, די ווינדען רוישען, אין שטוב איז פוסט און קאַלט... בּרר... בּרר... בּרר...

ערצעהל מיר דעם חלום — האָט דאָראַ מיט אויסגעווייגטע אויגען איהם געבעטען.

ער האָט איהר דעם חלום ערצעהלט.

נאָר אַ משוגע'נעם קען אַזאַלכעס חלום'ן — האָט זי איהם גע=

ענטפערט מיט א שמייכעל, נאך דעם ווי ער האט איהר אלעם ערצעהלט — פאלג מיך מאריץ: ווארף אוועק דיינע נארישקייטען, מיט דיינע קינדערשע רעיונות, און נעם זיך צו לעבען מיט חשק ווי אלע מענשען לעבען, וועסט זעהן דאס לעבען וועט דיר נאך זיס זיין, דארפסט נאר אין זיך נישט אריין קלערען. נאר לעבען מיט חשק ווי אלע מענשען לעבען.

ער האט געקריצט מיט די ציין: יא, פיליכט — משוגעת... משוגעת... זאלסט אבער וויסען, אז נאר משוגע'נע, נאר מרה שחורה'דיגע, וואהנזיניגע, זעהן דאס לעבען אין איהר אמת'ן געשטאלט... די מיושב'דיגע זעהן נישט די וועלט. זיי זעהן זי נישט, און דערפאר בלייבען זיי גאנץ. אבער די פערביטערטע משוגע'נע מוזען פאלען צום גרונד, וויל ווי קען מען דאס אלעם צו זעהן, צו הערען, פערשטעהן! און דאס הארץ זאל בלייבען גאנץ... נאר שטיינערנע הערצער קענען בלייבען גאנץ... נאר שטיינערנע הערצער קענען בלייבען אונבערירט... גיב נאר א טראכט, אט יעצט ווערענד מיר ביידע זיצען דא: וויפיעל הונדערטער מענשען ליגען יעצט אויף זייערע שטערבע בעטען גוסס'דיגע, ראנגלענדיג זיך מיט'ן טויט, אונטער די שרעקליכסטע יסורים? ווי פיעל טויזענדער געווינערינס ברעכען זיך יעצט פאר וועהטאג? ווי פיעל טויזענדער קינדער זיצען יעצט און וויינען נאך זייערע געשטארבענע טאטעס און מאמעס? ווי פיעל מענשען פרירען יעצט פון קעלט, ווי פיעל טרינקען זיך אין וואסער, און ווי פיעל ברענען אין פייער? ווי פיעל קראנקע, ווי פיעל קאליקעס, בלינדע, טויבע, שטומע, לאמע, הינקען יעצט ארום אויף די וועלט נע ונד? ווי פיעל טויזענדער מענשען הונגערען יעצט? ווי פיעל מענשען ליגען יעצט אויף די אפעראציאנס טישען מיט צו שניטענע בייכער? ווי פיעל פערצווייפעלטע מענשען דרעהען זיך יעצט ארום מיט די טויט געוועהר אין זייערע הענד? ווי פיעל טויזענדער מענשען ליגען יעצט אין פערפוילטע, פינסטערע טורמעס און אסטראגען? און — איך בין משוגע, הא? ווארט וועל איך דיר רעדען מיט נאך

מעהר משוגעת... הער נאַר: ווייסטו אָט אין דעם יעצטיגען מאָמענט וואָס מיר זיצען אַזוי און פּלוידערען, ווייסטו ווי פיעל מיליאָנען מיליאַרדען בייטשען ס'פאַלען אויף די אָרימע בעשעפעניסען די פערד? נאָך! ווייסטו ווי פיעל גערגעליך ס'ווערען יעצט אדורך געשניטען פון שעפּסליך, גענזלעך, און היהנדעלעך? חאָ חאָ חאָ... חאָ חאָ חאָ... משוגעת... נון פּרוביער זיך דאָס אַלעס נאַר פאָר צו שטעלען אין געדאַנק, פּרוביער נאָר צו ווועלען פערשטעהן. קען מען פיהלען דאָס אַלעס און בלייבען גאַנץ? האַ? וואָס שווייגסטו יעצט? רעד! איך בין דאָך משוגע... קען מען פיהלען דאָס אַלעס און בלייבען גאַנץ? ניין, ניין, ניין... מען קען נישט בלייבען גאַנץ. נאָר די מענשען האָבען פערפרוירענע הערצער, האַרטע ווי די שטיינער, און קאַלטע ווי דער אייז מעער. און זיי פיהלען נישט... עס וועט אָבער אַמאָל די זון ערשיינען, און וועט אויף וואַרמען די פערפרוירענע הערצער, ווייך מאַכען זיי, און ערלייכטען די פינסטערע וועגען. דאַן וועלען די מענשען דאָס אַלעס פיהלען, און אויב זיי וועלען עס פיהלען, ווייס איך — מוזען זיי צו גרונד געהן... מוזען זיי צו גרונד געהן... און איך? איך זעה עס שוין יעצט, אין די שוואַרצע מלבושים. הונדערטער מיליאָנער בילדער, שווידערהאַפטע, שרעקליכע פון אונגליקליכע ליידענדע מענשען, שפּרינגען מיר פאַר מיינע אויגען ווי שרעקליכע גייסטער. און איך מוז פאַלען. אַהאָ. יעצט מוז איך פאַלען... איך פיהל שוין ווי די פוס ברעכען זיך אונטער; דער מוח דרעהט זיך ווי אַ ווינד מיהל; און ס'האַרץ איז אויף וואַסער צו גאָסען געוואָרען... ווי שרעקליך! ווי שרעקליך! אויך דאָס דאַמאָלסדיגע לעבען איז אַ אומזין... יאָ — דאָס היינטיגע, דאָס היינטיגע לעבען איז אָבער אַ פערברעכען... אַזוי זאָגט דער משוגע'נער. אַהאַ דו פערשטעהסט נישט. נו יאָ, דו ביזט מיושב, און דו הייסט מיך לעבען מיט חשק ווי אַלע מענשען לעבען... חאַ חאַ חאַ — איך בין משוגע... הם... כ'בעט דיך דאָרט פערלאָז מיך יעצט! לאָז מיך יעצט אַליין... איך וויל אַביסעל צו זיך קומען... בעטראַכטען זיך אַביסעל... קום צו מיר מאָרגען... אָה מאָרגען! ———

ווען דאָראַ איז אַוועק געגאַנגען איז מאָריץ ווי אויף געבונדען געבליבען, און ער האָט זיך געפיהלט פרעהליך און לוסטיג פון דעם טהאַט וואָס ער האָט בעשלאָסען צו טהון. שנעל האָט ער געחאַפּט אַלע מערטעס, אָליאַנדערס, און אַנדערע בלומען, וואָס האָבען זיך ביי איהם געפינען, און זיי אויס געשטעלט אין צוויי רייהען. גענומען אַ פּליושענע דעק און זי אויף דער ערד צווישען די בלומען אויס געשפּרייט, דאַן האָט ער פון באַלטען אַראָב גענומען אַ כלאָראָפאָרמירט טיכעל, און זיך אַוועק געלעגט אויף די דעקע אַזוי אַז דאָס טיכעל האָט אָן גערירט ביים נאָז.

דאָראַ האָט נאָך אויפ'ן וועג פערשטאַנען דעם פעהלער וואָס זי האָט איהם געלאָזט אַליין אין אַזאַ אויפגערעגטען צושטאַנד, און בליץ שנעל איז זי צוריק געלאָפען. ווען זי איז אַריין אין שטוב האָט זי שנעל ווי אַ טייוועל איהם אַפּאָר געשלעפּט אין דעם מאָמענט ווען ער האָט זיך אַנידערגעלעגט, און דאַן אָבגעשניטען דאָס טיכעל. און זי איז געוועזען אַזוי ערשראָקען אַז זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדען. נאָר מאָריץ האָט געשמייכעלט.

ווען זי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט איז ער צו איהר צו געגאַנגען: דאָראַ לאָמיר זיך אויסשמיעסען. איך וויל נישט שטאַרבען ווי איינער וועלכער טהוט עס אין אַ נערוועזישען צושטאַנד, איך וויל שטאַרבען רוהיג, איבערלעגט, און דו זאָלסט זיצען דערביי.

זי האָט איהם משונה אָן געקוקט. און ער האָט ווייטער גערעדט:

אין אַ פינסטערען נאַסען קערקער ליעגט אַ מענש און מאַטערט זיך, זיין קאָפּ האַמערט איהם, זיינע פיס ברעכען זיך, און עס פעהלט איהם אויס לופט, ער קען נישט אָטום'ן. נאָר אין די וואַנד שטעקט אַ שפּיץ פון אַ נאָדעל, אַ קליינער שפּיץ. דאָרט ווען ער ריהרט אָן, מאַכט זיך פאַר איהם אויף אַ גרויסע ליכטיגע טהיר, ווי ער קען פריי אַרויס געהן, אַריין אָטום'ן פונ'ם ריינעם לופט; דער קאָפּ הערט איהם אויף האַמערען, די פיס ווערען שטאַרק, און

ער איז פרײַ, ער איז גליקליך. זאָג מיר דאָרט דאַרף ער אַן ריכ־טיגען דעם שפּיץ פון די נאָדעל, נישט קוקען אויף דעם וואָס ער וועט זיך אַ שטאָך טהון, און אַרויס פרײַ. אָדער דאַרף ער זיצען, שמאַכ־טען, לײַדען שרעקליכע יסורים, און לאַנגזאַם שטאַרבען?

ער דאַרף אַ קוועטשט טהון און אַרויס.

נון, דאָס לעבען איז בײַ מיר פיעל שווערער ווי אַ תּפיסה, די לײַדען זענען שרעקליך, פון לעבען האָב איך גאָר נישט צו ערוואַרטען. דאַרף איך וואַרטען און נאָכהער לאַנגזאַם שטאַרבען, אָדער דאַרף איך יעצט שטאַרבען, און דו זאָלסט צו שפּיעלען, אויף די פּיאַנאָ.

זי האָט געשוויגען.

זאָג מיר דאָרט, טהו זיך אַן אַכּה און זאָג מיר די וואַהרהײַט. שטאַרבען — האָט זי צווישען די צײַן געמורמעלט. וואָס דאַרף אָבער טהון דער וועלכער קען נישט שטאַרבען, ווײַל ער איז צו שוואַך דערצו?

ער דאַרף מיט אַלע כּחות פערשמור'ן דאָס לעבען. און פערגע־סען אין זיך אַליין.

פיהלסטו נישט דעם מינדעסטען חשק צו לעבען?

נײַן.

זענען דיר נישט אַ שאָד דײַנע פרײַנד?

דו גלויבסט נאָך אין פרײַנד? אין אמת'ן זאָג איך דיר אַז צעהן פרײַנד זאָלסטו פאַר איין ברודער פערוואַרפען, און פאַר איין מוטער — זיי אַלע. איך האָב קײַן פרײַנד, קײַן ברודער, און קײַן מוטער.

ווען דו זאָלסט אָבער הײַראַטהען, האָבען קינדער, מאַכסטו צו־פרידען געלעבט.

איך האָב אַ מאָל געזעהן ווי אַ אַלטער מענש איז זיך רוהיג גע־זעסען, דאַן איז צו איהם צו געקומען אײַנער מיט אַ רעוואָלווער, האָט איהם געשאָסען, דער אַלטער האָט זיך אַ צאַפּער געטהון, און געפאַלען טויט. איך האָב געשאָלטען דעם פערברעכער, אַ מערדער איז ער און

מען דארף איהם קוילען. איך האב געזעהן ווי עס האט געהייראטה א יונג פאר פאלק, זיי האבען עטליכע קינדער געהאט, און איך האב זיי געשאלטען: די קינדער זאָלען פער׳משפט צום טויט, און ווען זיי וועלען לעבען, וועלען זיי ליידען? וועלכער פערברעכער איז גרעסער, דער וואס האט איין אלטען מענש געטויט, אדער דער וואס האט צעהן קינדער אונטער דער שווערד פון מלאך המות געלעגט? הא? ווארום שווייגסטו? יא, יא, מענשען ווילען קינדער האבען אום זייער צייט צו פערטרייבען, דער איז אבער א פערברעכער וועלכער מאכט יענעם צו ליעב איינענע פערגעניגעם לייד ען. דער איז א פערברעכער. נון, דארא! הא הא הא... א משוגע׳נעם ווילסטו נישט ענטפערען...

ענדער דיין בעשלוס – האט דארא געוויינט.

איך קען נישט. לעבען קען מען ווען עס ציהט צום לעבען. איך האב אבער שוין דעם גאנצען לעבענס=חשק פערלוירען. מיר וועלען איבערדעכענען. הא הא הא – איך וועל דערווייזען מיט א חשבון אז דאס בעסטע פאר מיר איז שטארבען. און שוין היינט דוקא... ווען איך זאל נישט יעצט שטארבען, קען איך לעבען לאמיר אן נעהמען נאך דרייסיג יאהר. דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג האט א יאהר. בסך הכל צעהן טויזענד ניין הונדערט און פינפציג טעג. א טאג, ס׳הייסט א מעת לעת האט פיער און צוואנציג שעה – דאס איז א געשיכטע פון א פיערטעל מיליאן שעה׳ן. האסט עפים א בעגריף, צוויי הונדערט צוויי און זעכציג טויזענד אכט הונדערט שעה׳ן. און איך ווייס נישט ווי אזוי איין שעה אדורך צו לעבען. שטארבען! שטארבען איז מיין איינציגער אויסוועג. אזוי ווי אזוי וועל איך שטארבען. וויל איך פון דיר א קלייניגקייט: שפיעל אויף די פיאנע און איך וועל שטארבען.

זי האט געוויינט זעהענדיג ווי פעסט ער איז ענטשלאסען. און ער האט דאס טיכעל צוריק אן געבונדען, און זיך אוועק געלעגט אויף די דעק. דאן האט ער לוסטיג אויסגערופען: שפיעל און זינג צו, דאס ליעד וואס איך האב אין חלום געהערט.

ער איז געלעגען אריין געאטום'ט דעם גיפט אין זיך מיט א פרעהליכען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט. און זי האט געזינגען און גע־שפיעלט:

פיהלסטו זיך עלענד ווי ס'בוימעל אין פעלד,
וואס ס'ברעכט עם און ס'שאקעלט דער ווינד;
פערמאך דיינע אויגען און קלעהר ניט וואס ס'איז,
פערשלאף נאר די צייט — אוי מיין קינד.

— — — — — — — — — — —